STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08857

DI GEFAR FUN SHVAYGN

Chaim Suller

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

די געפאַר פון שווייגן

אַנטיסעמיטיזם און אידן־מערדער
אין אַמעריקע

פון חיים סולער

▼

פרייז: 25 סענט

די געפאַר פון שווייגן

אַנטיסעמיטיזם און אידן־מערדער אין אַמעריקע

אַרויסגעגעבן פון דער „מאָרגן פרייהייט"

פעברואַר, 1964

THE DANGER OF SILENCE

Anti-Semitism and War Criminals in the U.S.

by **CHAIM SULLER**

●

Published by the "Morning Freiheit"
35 East 12th Street, New York 3, N. Y.
Telephone: AL 4-9480

●

Price — 25 cents

„דער ווירקלעכער שונא איז גלייכגילטיקייט"

דער פרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס, דר. יאָאַכים פרינץ האָט ביים לינקאָלן־מעמאָריאַל, אויפן היסטאָרישן מאַרש אין וואַשינגטאָן, דעם 28טן אויגוסט, 1963, דערקלערט:

„דער ווירקלעכער שונא... איז ניט האַס, ניט אומטאָלעראַנץ. דער ווירקלעכער שונא איז די מאָראַלישע אומפּילבאַרקייט... דער ווירקלעכער שונא איז די בלינדקייט פון אַנשטענדיקע אַמעריקאַנער צו דעם, וואָס קומט פאָר פאַר זייערע אויגן..."

דר. פרינץ האָט, אין דעם פאַל, גערעדט וועגן דער גרויסער אומגערעכטיקייט, וואָס ווערט באַגאַנגען אין אַמעריקע בנוגע 20 מיליאָן אַמעריקאַנער נעגער. ער האָט גערעדט וועגן דער גלייכגילט פון דער איבערוועגנדיקער מערהייט ווייסער באַפעלקערונג ביי אונז אין לאַנד צו דער לאַגע פון דער נעגער׳שער באַפעלקערונג. ער האָט אויסגעשריען קעגן דעם שטילשווייגן מצד אַנשטענדיקע, ווייסע בירגער צו דער אָרעמקייט און אַרבעטלאָזיקייט צווישן נעגער, צו דיסקרימינאַציעס, דערנידעריקונגען און מאָרדן, וואָס ווערן באַגאַנגען איבער נעגער.

די רייד פון דעם פרעזידענט פון אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס זיינען גילטיק ניט נאָר אויף אַמעריקאַנער אין אַלגעמיין און ניט נאָר אין פאַרבינדונג מיט׳ן קאַמף פונ׳ם נעגערשן פאָלק פאַר ציווילע רעכט. די רייד זיינען נאָך אפשר מער גילטיק אויף דעם אַמעריקאַנער אידנטום אין דער פראַגע פון דער פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטיזם ביי אונז אין לאַנד.

אין אַפּריל 1963 איז אונז אויסגעקומען צו זען צוויי אַמעריקאַנער נאַציס, וואָס זיינען רואיק געשטאַנען אויף פּוירשינג סקווער, אין האַרץ פון לאָס אַנדזשעלעס. די נאַציס זיינען געווען אויסגעפוצט אין זייערע אוניפאָרמען, מיט סוואַסטיקאַס און אַנדערע קלאַפּערגעצייג. זיי האָבן מיט חוצפה געקוקט אויף די פאַרבייגייער און קיינער האָט גאָרניט געטאָן, קיינער האָט גאָרניט געזאָגט.

לעיבאָר דעי 1963 איז אונז אויסגעקומען פאַרבייגיין די „לעינס" דעפּאַרטמענט סטאָר, וואָס געפינט זיך אין האַרץ פון ניו יאָרק, אויף 14טער גאַס און 5טע עוועניו. אַלע גרויסע שוי־פענצטער פון דעם געשעפט זיינען געווען באַשמוצט מיט סוואַסטיקאַס. מענטשן זיינען פאַרבייגעגאַנגען און זיך אפילו ניט אומגעקוקט. מיר האָבן אויף מאָרגן געזוכט עפּעס וועגן דעם אין די ציטונגען און קיין וואָרט ניט געפונען.

גאַנץ אָפט קומט אויס צו זען דעם פאַרהאַסטן נאַצי־סימבאָל אויף די טראָטואַרן פון ניו־יאָרק, אויף סאָבוועי־סטאַנציעס אין ברוקלין, אין בראָנקס, אין די וואַגאָנען פון סאָבוועי־באַנען, אויף ווענט פון געביידעס. אָפט ווערן די סוואַסטיקאַס באַגלייט מיט העסלעכע אַנטיסעמיטישע אויפשריפטן, מיט שמוציקע רייד וועגן אידן. עס מערקט זיך ניט, אַז עמיצער זאָל מאַכן אַ

וועזן פון דעם. עס זעט אויס, אַז קיינעם אַרט עס ניט. עפּעס אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען אַ קינדער־שפּיל.

דאָס איז אָבער ניט קיין קינדער־שפּיל. די סוואַסטיקאַס ווערן געשמירט פון יוגנטלעכע און דערוואַקסענע. זיי ווייסן, וואָס זיי טוען. ביי אונז אין לאַנד ווערן געדרוקט און פאַרשפּרייט הונדערטער טויזנטער שטיקלעך אַנטיסע־מיטישע „ליטעראַטור" אין דער פאָרמע פון זשורנאַלן, צייטונגען, פלוג־בלעטלעך, בראָשורן, ביכער. דער סאָרט „ליטעראַטור" ווערט ניט נאָר פאַר־שפּרייט ביי אונז אין לאַנד, נאָר ווערט אויך צוגעשטעלט פון אַמעריקאַנער נאַציס אין אַנדערע טיילן פון דער וועלט.

אין אַמעריקע ווערט קולטיווירט אַן אולטראַ־רעכטע באַוועגונג, די „בירטש סאָסייעטי" און אַנדערע אָרגאַניזאַציעס, וואָס ווערן סובסידירט פון מעכטיקע פינאַנץ־אָרגאַניזאַציעס, פון אינדיווידועלע מאַגנאַטן. ביי אונז אַרו־מעוועט די אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי מיט דזשאָרדזש לינקאָלן ראָקוועל בראש. עס עקזיסטירן אויך אַנדערע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס.

אין אַמעריקע לעבן אויך הונדערטער דייטשן, לעטן, עסטאָנער, אוקראַי־נער, רוסן, אונגאַרן, רומענער, פּאָליאַקן, יוגאָסלאַוון, סלאָוואַקן, ליטווינער און אַנדערע, וואָס האָבן אַליין אָנטיילגענומען אין שעכטן אידן. דאָ געפינען זיך מערדער, וואָס האָבן אָנגעפירט און אַליין זיך באַטייליקט אין די שחיטות איבער 6 מיליאָן אידן אין איראָפּע. די קוילערס זיינען אַרויסגעוואָרפן גע־וואָרן אויף די אַמעריקאַנער ברעגן פון דער נאָך־מלחמה'דיקער איראָפּע. זייער אָפט זיינען זיי אַהער געקומען מיט דער הילף פון הויך־געשטעלטע פּערזאָ־נען אין דער אַמעריקאַנער רעגירונג און פון היגע מאַגנאַטן, וואָס זיינען אידייאיש פאַרבונדן מיט דער אולטראַ־רעכטער באַוועגונג.

די מערדער זיצן אויך דאָ ניט מיט פאַרלייגטע הענט. זיי זיינען דאָ ענג פאַרבונדן מיט לאַנדסלייט (פון זייער טיפּ) און פירן צווישן זיי אַן אַ פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע טעטיקייט. זיי זיינען אויך פאַרבונדן מיט פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער אין איי־ראָפּע, לאַטיין־אַמעריקע, וואו לאַנדסלייט פון זייער טיפּ געפינען זיך.

ווען מען נעמט צוזאַמען כאָטש אַ טייל פון די פאַקטן וועגן דער אַרבעט פון די, וואָס האָבן פאַרטיליקט אַ דריטל פון אונזער פאָלק, און פון דער אַרבעט פון די, וואָס פאַרמעסטן זיך אויף די אַנדערע צוויי־דריטל פון דעם אידישן פאָלק, באַקומט זיך אַ שרעקלעך בילד. נאָך שרעקלעכער אָבער פון די דאָזיקע פאַקטן איז די גלייכגילט פון דער אידישער געזעלשאַפט־לעכקייט. כאָטש דאָ און דאָרטן הערט מען שטימען וועגן דער פאַרשפּריי־טונג פון נעאָ־נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם אין אויסלאַנד, הערשט אָבער אַ מאָדנע שטילקייט וועגן דער געפאַר פון נעאָ־נאַציזם און אַנטיסעמיטיזם דאָ ביי אונז אין לאַנד.

צוליב די סיבות האָבן מיר צוזאַמענגענומען אַ ריי פאַקטן דאָ אין דער בראשור. מיר האָפן, אַז די פאַקטן וועלן אַרויסברענגען פון זייער גלייכ־

גילט גרעסערע מאַסן אידן און וועלן אַלאַרמירן טרעיד־יוניאָן און רעליגיעזע פּירער, געשעפטלייט, די פירער און מיטגלידערשאַפט פון די גרויסע אי־דישע אָרגאַניזאַציעס. מיר האָפן מיט דער בראָשור בייצוטראָגן צו דעם, אַז אַרום דער פּראָבלעם פון אַנטיסעמיטיזם און נעאָ־נאַציזם זאָלן זיך פאַראייניקן אַלע וויכטיקע כּוחות אינ׳ם אידישן לעבן און אָנהויבן אַ גרויסע קאַמפּאַניע צו באַקעמפן דעם אַנטיסעמיטיזם אומעטום, וואו ער באַווייזט נאָר זיינע בלוטיקע לאַפּעס.

דאָס וועט ניט נאָר זיין אַ גרויסער אויפטו לטובת דעם אַמעריקאַנער אידנטום און אידן אומעטום. דאָס וועט אויך זיין אַ גרויסער בייטראָג צו



קאַרטלעך, וואָס אידישע צייטונגען אין ניו־יאָרק און אידישע געזעלשאַפטלעכע טוער האָבן דערהאַלטן דורך פּאָסט פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטי״
(זע אויך זייטן 8 און 11)

די שיינע טראַדיציעס פון אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע, צו דער „דריטער אַמעריקאַנער רעוואָלוציע״, צום קאַמף פאַר ציווילע רעכט.

מיר ווילן דאָ אונטערשטרייכן — איידער מיר ברענגען די פאַקטן — אַז פון צייט צו צייט האָבן געוויסע פאַראַנטוואָרטלעכע אידישע פירער אָנגעוויזן אויף דער געפאַר פון אַנטיסעמיטיזם ביי אונז אין לאַנד. די אָנ־ווייזונגען האָבן אָבער ביז איצט ניט געפונען קיין ברייטן אָפּקלאַנג צווישן אַנדערע אידישע פירער און צווישן ברייטע שיכטן פון דער אידישער באַ־פעלקערונג. די פירער, וואָס האָבן ביי פאַרשיידענע געלעגנהייטן אַרויס־געבראַכט די פאַקטן, זיינען אַליין ניט צו שטאַרק טעטיק אין אַלאַרמירן די

אידישע געזעלשאַפטלעכקייט. דאָס זעלבע קאָן געזאָגט ווערן וועגן דער אידישער פּרעסע. פון צייט צו צייט באַווייזן זיך מעלדונגען אין די אי־דישע צייטונגען וועגן אַנטיסעמיטישע אָנפאַלן און אַנדערע אינצידענטן. אַמאָל דערשיינט אַ וואָסערדיקער לייט־אַרטיקל און אַמאָל ווערן געדרוקט אויך אַר־טיקלען פון איינצלנע שרייבער, וואָס ווייזן אַרויס אַן אומרואיקייט בנוגע דער געפאַר פון נעאָ־נאַציזם. עס ווערט אָבער ניט אָנגעפירט קיין סיסטעמאַ־טישע קאַמפּאַניע, ניט אין די צייטונגען און ניט מצד דער אידישער פירער־שאַפט. דער יושר פאָדערט אָבער, אַז עס זאָל אונטערשטראָכן ווערן, אַז די איינציקע צייטונג, וואָס ווייזט אַרויס וואַכזאַמקייט און פירט אַן אַ סיסטעמאַ־טישע קאַמפּאַניע קעגן אַנטיסעמיטיזם און קעגן דער נעאָ־נאַצישער פּלאָג, איז די „מאָרגן פרייהייט“.

די אַמעריקאַנער נאַצים ביי דער אַרבעט

דעם 9טן פעברואַר 1963 איז אין דער „מיאַמי העראַלד“ דערשינען אַ מעלדונג, אַז די „אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי“ וועט אין צענטער פון מיאַמי עפענען אַן אָפּטייל. אין דער מעלדונג ווערן אָנגעגעבן די נעמען פון די נאַציס, וואָס וועלן דאָרט אָנפירן מיט דער נאַצישער טעטיקייט. לויט די געזעצן פון פלאָרידאַ איז די נאַצי־פּאַרטיי פאַרבאָטן. עס איז אָבער געפונען געוואָרן אַ הכשר און דער נאַצישער צענטער איז דערעפנט געוואָרן. ווען אידן האָבן זיך אָנגעפרעגט אין דעם אָרטיקן אָפּטייל פון דער אַנטי־דעפאַ־מיישאָן ליג און פאַרלאַנגט, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן, האָבן זיי געקראָגן אַן ענטפער, אַז מען זאָל זיך ניט זאָרגן. ס׳איז גאָרניט, קינדער שפּילן זיך מיט סוואַסטיקאַס... דעם 27טן פעברואַר איז שוין אָנגעקומען אין ניו־יאָרק די נייעס, אַז מיטגלידער פון ראָקוועלס „אַמעריקאַן נאַצי פּאַרטיי“ פּיקעטן אידישע געשעפטן אין מיאַמי און מיאַמי ביטש.

דעם 25טן פעברואַר האָט דזשאָרדזש לינקאָלן ראָקוועל, דער „פיורער“ פון דער „אַמעריקאַן נאַצי פּאַרטיי“, גערעדט פאַר אַרום 275 סטודענטן און לערער אין דעם שיקאַגער אוניווערזיטעט. אין זיין רעדע האָט דער אַמע־ריקאַנער נאַצי־פירער דערקלערט, אַז דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם (נאַציזם) איז די „דאָקטרין פון וויסנשאַפטלעכן ראַסיזם“; אַז זיין פּאַרטיי האַלט ניט פון דעם לאָזונג: „בעסער רויט איידער טויט“. דער לאָזונג פון זיין פּאַרטיי איז: „טויטע רויטע“ און אַז מערסטע אידן זיינען „רויטע“.

ראָקוועל איז איינגעלאַדן געוואָרן צו ריידן אין דעם אוניווערזיטעט פון אַ גרופּע סטודענטן. ווען ער האָט געהאַלטן זיין רעדע איז אינדרויסן געקו־מען אַן עולם פון איבער 600 מענטשן צו פּראָטעסטירן קעגן דעם נאַצי און קעגן דעם וואָס ער איז איינגעלאַדן געוואָרן. צווישן די דעמאָנסטראַנטן איז אויך געווען אַ צאָל פּליכטלינגען, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון היט־לערס גאַז־קאַמערן. די פּאָליציי האָט אַרעסטירט 2 פון די דעמאָנסטרירנדיקע.

אַ צאָל פּראָפעסאָרן פון דעם שיקאַגער אוניווערזיטעט, איינצקע ציי־

טונגען און געוויסע אידישע פירער זיינען געווען קעגן דערלויבן נאַציס צו ריידן פאַר דער יוגנט. אין דעם נאָרט וועסטערן אוניווערזיטעט, וואָס געפינט זיך אויך אין שיקאַגאָ, איז ניט דערלויבט געוואָרן איינצולאַדן ראָקוועלן. אַ פירער פונ׳ם אידישן קאָנגרעס אין שיקאַגאָ האָט אָבער דערקלערט, אַז „מען דאַרף ניט מאַכן צופיל טומל אַרום דעם ענין. כאָטש איך האָס ראָקוועלן און אַלץ, וואָס ער שטעלט מיט זיך פאָר, קאָנען מיר אָבער ביי אים ניט צונעמען די פרייהייט פון ריידן". אַ סך אַנדערע אידישע פירער אין שיקאַגאָ האָבן אָנגענומען אַ פול מויל מיט וואַסער און בכלל איגנאָרירט די גאַנצע זאַך.

לאָמיר זיך אָבער אומקערן צוריק קיין מיאַמי, וואו עס איז געגרינדעט געוואָרן אַן אָפּטייל פון דער נאַצי־פּאַרטיי מיט אַ ביוראָ און אַלע קליפּערלעך. דעם 4טן מערץ 1963 האָט די מיאַמער פּאָליציי אַרעסטירט דעם לאָקאַלן פירער פון דער נאַצי־פּאַרטיי, דזשאָן סי. מעקליור. אַרעסטירט געוואָרן איז ער דערפאַר, ווייל מען האָט געפונען אין אַ שופלאָד פון אַ טיש אין דער נאַצי־ביוראָ אַן אויטאָמאַטישן רעוואָלווער. מעקליור האָט ניט געטאָרט האַלטן קיין געווער, ווייל אין יאָר 1958 איז ער געפונען געוואָרן שולדיק אין אַן אַנדער שטאָט (סטעיט) אין באַזיצן נאַרקאָטישע שטאָפן. לויט די פלאָרידער געזעצן טאָר אַזאַ פאַרברעכער ניט באַזיצן קיין געווער. אין דער זעלבער ביוראָ האָבן דעטעקטיווס, וואָס האָבן אַרעסטירט מעקליורן, אויך צוגענומען אַ רעוואָלווער ביי אַ צווייטן נאַצי, וואָס האָט זיך דאָרט געפונען. זיין נאָמען איז דעיוו פעטערסאָן. דער פעטערסאָן איז שוין איין מאָל געוואָרן אַרעסטירט, ווען ער האָט מיט עטלעכע וואָכן פריער געפּיקעט אַידישע קראָמען אין מיאַמי. מיט עטלעכע טעג פאַר דעם, זיינע ביידע, מעקליור און פעטערסאָן, אַרעסטירט געוואָרן אין מיאַמי ביטש, וואו זיי האָבן שיעור ניט פאַראורזאַכט אַ ראַיאָט, ווען זיי האָבן געפּיקעט מיט סוואַסטיקאַ־צייכנס אַ באַנקעט פאַר ישראל־באָנדס.

נאָכדעם, ווי מעקליור איז אַרעסטירט געוואָרן פאַרן באַזיץ פון אַ רעוואָלווער, האָבן פעטערסאָן און אַ צווייטער שטורעם־טרופּער מיטן נאָמען קאַרל ריטשאַרדס, איינגעפּאַקעוועט אַ שרייב־מאַשינקע און פאַרשיידענע פאַפירן און פאַרלאָזט זייער ביוראָ. אויף דער וואַנט פון דער ביוראָ האָבן זיי איבערגעלאָזט אַ גרויסע נאַצי־פאַן, בילדער פון אַדאָלף היטלערן און אַ בילד פון דעם אַמעריקאַנער נאַצי־פירער, דזשאָרדזש לינקאָלן ראָקוועל.

דעם 9טן מערץ 1963 איז דער נאַציאָנאַלער קאָמאַנדיר פון די אידישע מלחמה וועטעראַנען, מאַרטין ל. לאָנדאָן, אַרויסגעטראָטן מיט אַ רעדע פאַר די אידישע מלחמה־וועטעראַנען אין מיאַמי ביטש. ער האָט אין דער רעדע דערקלערט, אַז די פאַשיסטישע אַרבעט פון דעם נאַצי־פירער דזשאָרדזש ראָקוועל צווישן דער אַמעריקאַנער יוגנט הויבט אָן ברענגען גיפטיקע רעזולטאַטן. מר. לאָנדאָן האָט אָנגעוויזן, אַז פיל קאַלעדזשעס און אוניווערזיטעטן העלפן דעם נאַצי־פירער פאַרשפּרייטן זיין היטלערישן סם דורך דעם, וואָס

זיי לאַדן אים איין אויף „לעקציעס". מר. לאַנדאַן האָט אויך אָנגעוויזן, אַז די נאַציסטישע יוגנט באַוועגונג וואַקסט אין אַרלינגטאָן, ווירדזשיניע, אין מיל־פאָרד, פענסילווייניע, פאָרט דזשורוויס, ניו יאָרק און אין פיל אַנדערע שטעט.

אַרום דער צווייטער וואָך פון מערץ 1963 איז אין מיאַמי ביטש אָפּגעהאַלטן געוואָרן אַ מאַסן־מיטינג, אַלס פּראָטעסט קעגן דער פּראָפּאַגאַנדע פון דער אַמעריקאַנער נאַצי־פּאַרטיי. דער מיטינג איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון אַן אומפּאַרטייאישן קאָמיטעט. ביים מיטינג זיינען אויפגעטראָטן אַ צאָל טוער און אויך אַ רב. דאָ איז אָבער ניט אויפגעטראָטן קיין איין טוער פון׳ם אידישן קאָנגרעס, בני ברית אָדער אידישן אַרבעטער קאָמיטעט.

אָנהויב אַפּריל 1963 זיינען סוואַסטיקאַס אָנגעקלעפּט געוואָרן אויף אַ גרויסער צאָל אידישע געשעפטן אין דאַלאַס, טעקסאַס. נאָכדעם, ווי די אָרטיקע פּאָליציי האָט באַטראַכט די סוואַסטיקאַס, האָט זי דערקלערט, אַז זיי זיינען ניט געמאַכט געוואָרן מיט דער האַנט, נאָר אויף אַן אופן, ווי זיי וואָלטן פאַבריצירט געוואָרן אויף אַ גרויסן מאַסשטאַב.

סוף אַפּריל פון דעם זעלבן יאָר איז אַ גרופּע פון 25 אידישע יוגנטלעכע פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע „הבונים" באַפאַלן געוואָרן פון אַ גרויסער צאָל אַנטיסעמיטישע כוליגאַנעס ביים ים אין ברייטאָן ביטש, ברוקלין. אייניקע פון די אידישע יוגנטלעכע זיינען ערנסט פאַרוואונדעט געוואָרן, און זיי האָבן באַדאַרפט דורכמאַכן אָפּעראַציעס. די אידישע יוגנטלעכע זיינען באַפאַלן געוואָרן, ווען זיי האָבן זיך פאַרזאַמלט אויפן ברעג ים צו פייערן דעם יום העצמאות (דעם טאָג פון מדינת ישראל׳ס זעלבסטשטענדיקייט).

מיט אַ פּאָר טעג שפּעטער, נאָך דעם אינצידענט אין ברייטאָן ביטש, איז פאָרגעקומען אַן אַנדער אינצידענט מיט 3 טויזנט מייל ווייטער, אין לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. אַ גרופּע נאַציס האָט געפּיקעט דעם שריין אודיטאָריום, וואו עס איז אָנגעגאַנגען אַ פייערונג לכבוד דעם 15טן יובילייִ פון מדינת ישראל. די נאַציס זיינען געווען אָנגעטאָן אין זייערע אוניפאָרמען, האָבן געטראָגן פּלאַקאַטן מיט אויפשריפטן: „80 פּראָצענט פון אַלע אַטאָם־שפּיאָנען זיינען אידן" און זיינען געווען באַוואָפנט מיט דיקע שטעקנס. זיי האָבן אַטאַקירט שוצלאָזע אידן ביים אַריינגאַנג אין אודיטאָריום. 9 פּערזאָן איינגעשלאָסן 4 פּאָליסלייט, זיינען פאַרוואונדעט געוואָרן. די פּאָליציי האָט אַר׳עסטירט 5 פון די נאַציס — מיטגלידער פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי".

דעם ערשטן מאַי 1963 האָט אַן אַנטיסעמיטישע באַנדע באַשמירט די טירן פון בית אל טעמפּל, דעם אידישן צענטער און נאָך 2 געביידעס אין נאָרוואָק, קאָנעטיקוט. די געביידעס זיינען באַשמירט געוואָרן מיטן סערפּ און האַמער. דאָס האָבן די אָרטיקע אַנטיסעמיטן, אין דעם טאָג פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער יום־טוב, געגעבן אָנצוהערן, אַז אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן.

דעם 2טן מאַי פון זעלבן יאָר זיינען 4 היי־סקול סטודענטן אַרעסטירט געוואָרן אין האַנטינגטאָן, לאָנג איילאַנד, פאַר שיסן מיט אַ מאַשין־ביקס אין

דעם לײדיקן אָפּיס פֿון דעם פּרינציפּאַל פֿון דער האָנטינגטאָנער האַי־סקול און אין הויז פֿון אַ לערער אין דער זעלבער שול. דער פֿירער פֿון דער גרופּע איז געווען אַן 18־יאָריקער בחור, דזשאָן אי. קאָלינס, דזשוניאָר. בײַ אים אין הויז האָט די פּאָליצײַ געפֿונען אַן 38. (פֿונקטן) קאַליבער פּיסטאָל, 8 און 9 מילימעטער האַלב־מאַשין ביקסן, אַ געשטאַפּאָ אוניפֿאָרם מיט שטיוול, אַ נאַצי פֿאָן און אַ גרויסן אויסוואַל פֿון האַס־ליטעראַטור קעגן אידן, נעגער און רעגירונגס פּערזענלעכקייטן.

דער יונגער קאָלינס האָט פֿאַר דער פּאָליצײַ געלייקנט, אַז ער איז אַ מיט־גליד פֿון דזשאָרדזש לינקאָלן ראַקוועל׳ס „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי״. ער האָט אָבער דערקלערט, אַז ער איז געווען בײַ אַ מיטינג, וואו ראַקוועל האָט גע־רעדט פֿאַריקן זומער אין ארלינגטאָן, ווירדזשיניאַ. ער האָט געזאָגט דער


Vol. XLII, No. 14,781 8 Pages New York 26 Wednesday, November 13, 1963 מיטוואָך, נאָוועמבער 13, 1963 Price 10 Cent

5 נאַציס אין לאָס אַנדזשעלעס שולדיג אין אַטאַקירן אידן בײַ ישראל־פֿײַערונג

דזשאָרדזש מיני דערקלערט:

לאָס אַנדזשעלעס, נאָוו. 12. — פֿינף אַמעריקאַנער פֿאַשיסטן, מיטגלידער

ניו יאָרק פּאַטער פֿאַרטיידיגט זיין:

פּאָליצײַ, אַז ער האָט גערעדט מיט ראַקוועלן און אַז ער פּלאַנירט אָרגאַני־זירן אַן אייגענע באַוועגונג.

דעם 25טן מאַי 1963 האָט די „נאַציאָנאַלע רענעסאַנס פּאַרטיי״ פּרו־בירט דורכפֿירן אַ מאַסן־מיטינג אין דער יאָרקוויל געגנט פֿון ניו יאָרק. דער מיטינג איז ניט דורכגעפֿירט געוואָרן אַדאַנק דער ענערגישער האַנדלונג פֿון די אידישע מלחמה־וועטעראַנען. דעם מיטינג האָט דערעפֿנט דער פֿירער פֿון דער אַנטיסעמיטישער פּאַרטיי, דזשעימס ה. מאַדאָלע. אַרום אים זײַנען געשטאַנען 5 פֿון זײַנע פּאַרטיי מיטגלידער אין אוניפֿאָרמען, וואָס זײַנען שטאַרק ענלעך אויף די אוניפֿאָרמען פֿון שטורעם־טרופּערס. צו דער רעדנער פּלאַטפֿאָרמע איז געווען צוגעפֿעסטיקט אַ פּלאַקאַט מיט׳ן עמבלעם פֿון זײַער פֿאַשיסטישער פּאַרטיי, וואָס באַשטייט פֿון אַ שוואַרצן בליץ אין אַ ווייסן קרייז אויף אַ הינטערגרונט פֿון אַ רויטן לייוונט.

אין אַן אינטערוויו מיט רעפּאָרטערס האָט דער פֿירער פֿון די פֿאַשיסטן מאַדאָלע געזאָגט, אַז ער שטאַמט פֿון בעדפֿאָרד, מאַסאַטשוזעטס, און אַז זײַנע עלטערן זײַנען דײַטש־ענגלישע קריסטן. ער האָט ווײַטער דערקלערט, אַז זײַן פּאַרטיי שטיצט די „שוואַרצע מאָסלימס״, ווײַל יענע זײַנען אויך פֿאַר דער צעטיילונג פֿון די ראַסן. דזשעימס מאַדאָלע האָט קריטיקירט די „אַמע־ריקען נאַצי פּאַרטיי״, ווײַל זי נוצט די סוואַסטיקאַ, וועלכע רופֿט אַרויס צו־

פיל עמאָציע ביי מענטשן. ער האָט אַטאַקירט אידישע פירער פון אינטעגראַציע גרופּן, ווייל זיי מאַכן דעם נעגער „פאַר דעם סאַמע פאַרהאַסטן מענטשן אין די פאַראייניקטע שטאַטן”.

אין די געשלעגן, וואָס זיינען פאָרגעקומען ביי דעם ניט־אָפּגעהאַלטענעם פאַשיסטישן מיטינג אין יאָרקוויל, איז אַרעסטירט געוואָרן איינער פון די פאַשיסטן, לואיס מאָסטאַציא, פאַר אַטאַקירן אַ דעטעקטיוו. מאָסטאַציאַ האָט זיך באַוויזן אין געריכט אין דער אוניפאָרם פון זיין פאַרטיי. ער איז געווען אויסגעפּוצט אין שוואַרצע הויזן, אַ ברוינער העמד מיט רויטע עפּאָלעטן. אויפן אָרעם — אַן אָרעם־באַנד מיט אַ שוואַרצן בליץ אין אַ ווייסן קרייז אויף אַ רויטן הינטערגרונט — דער עמבלעם פון דער פאַרטיי.

ווען ער האָט אַריינגעמאַרשירט אין געריכט־הויז, האָט ער דערלאַנגט אַ נאַצי־סאַלוט מיט אַן אויפגעהויבענעם אָרעם צו זיין „טשיף” דזשעימס



מאדאָלע, וועלכער איז געזעסן צווישן עולם. נאָכדעם, ווי דער ריכטער האָט באַשטימט, אַז זיין בעיל זאָל זיין $2,500, האָט דער פאַשיסט מאָסטאַציא פּרובירט האַלטן אַ רעדע. „די אַטאַקע איז געקומען פון די אידישע מלחמה־וועטעראַנען”, האָט דער פאַשיסט געוואָלט אויפקלערן. דער ריכטער מאַנועל א. גאָמעז האָט גלייך געהעכערט זיין בעיל צו 10 טויזנט דאָלער. ווען מען האָט דעם פאַשיסט אַרויסגעפירט פון געריכט־זאַל, האָט דער ריכטער באַמערקט צו דעם געריכט־אָנגעשטעלטן: „איצט וועלן מיר זיך אומקערן צו די מער אָנשטענדיקע טיפּן פאַרברעכער”.

אַנהויב יולי 1963 האָט אַן אַנטיסעמיטישע באַנדע פאַרשמירט מיט סוואַס־טיקאַס 5 סינאַגאָגעס און אַנדערע אידישע אינסטיטוציעס אין לאָס אַנדזשע־לעס. דר. דזשעיקאָב סאַנדערלינג, דער ראַבאַי פון דעם פעירפעקס טעמפּל, איינע פון די באַשמוצטע סינאַגאָגעס, האָט דערקלערט, אַז די אַרבעט איז, לויט זיין מיינונג, אָפּגעטאָן געוואָרן פון אַ גוט אָרגאַניזירטער באַנדע. דר. סאַנ־דערלינג, וועלכער איז געווען אַ טשאַפּלעין אין דער דייטשער אַרמיי, איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט, האָט שאַרף קריטיקירט די וואָס ווילן מינימיזירן אַזוינע אינצידענטן. „דאָס איז די אַרבעט פון דעם נאַצישן אינ־טערנאַציאָנאַל", — האָט דער ראַבאַי געזאָגט. ער האָט אויך געוואָרנט, אַז „אידן אין אַמעריקע טאָרן ניט מאַכן דעם זעלביקן טראַגישן טעות, וואָס די אידן אין דייטשלאַנד".

דעם 27טן יולי 1963 זיינען צעשמעטערט געוואָרן די פענצטער פון דער „אנשי אמת" סינאַגאָגע אין בראָנקס. דער רב פון דער שול, הרב שמעון מאָר־קאָדאָוויטש, האָט דערקלערט פאַר דער פּרעסע, אַז די כוליגאַנישע אָנפאַלן אויף דער שול קומען פאַר רעגולער יעדע 4 אָדער 6 וואָכן. יעדעס מאָל מוז מען אַריינשטעלן נייע שויבן אין די פענצטער.. ניט נאָר איז דער פינאַנציע־לער שאָדן גרויס, נאָר עלטערע אידן הייבן אָן מורא צו האָבן צו קומען אין שול. די אַטאַקעס אויף דער שול קומען געוויינלעך פאַר פרייטאָג אָדער שבת ביינאַכט, נאָכ'ן דאַווענען. די אַטאַקעס אויף דער שול האַלטן שוין אָן 2 יאָר. יעדעס מאָל נאָך אַן אַטאַקע, באַקלאָגט זיך דער רב פאַר דער פּאָליציי. די פּאָליסלייט קומען, האָט דער רב געזאָגט, פאַרשרייבן אַ באַריכט און דאָס איז אַלץ, וואָס מיר הערן פון זיי, ביז מיר רופן זיי נאָכאַמאָל. ווען זיי וואָלטן אַוועקגעשטעלט אַ דעטעקטיוו אויף איין נאַכט אין דער געביידע, וואָלטן זיי געקאָנט כאַפּן די פאַרשוינען, האָט דער רב זיך באַקלאָגט.

אַנהויב יולי 1963 איז אין מיאַמי פאַר'משפט געוואָרן אַ נאַצי אויף 5 יאָר טורמע פאַר מערדערלעכע אָנפאַלן. דער נאָמען פון דעם פאַר'משפּטן איז דאָנאַלד ברענטש. אין געריכט האָט דער נאַצי אָפן דערקלערט, אַז ער איז אַ מיטגליד פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" און אַז זיין איינציקער וואונטש אין לעבן איז צו דערמאָרדן כאַטש 4 אידן. אין געריכט איז ער געקומען אין דער באַגלייטונג פון אַ גאַנצער כאַפּטע אַנדערע נאַצים. די נאַ־צים האָבן אין געריכט געבושעוועט און דעמאָנסטרירט פאַר היטלערן. זיי האָבן זיך ניט באַרויקט ביז דער ריכטער האָט זיי געגעבן אַ וואָרענונג, אַז ער וועט זיי אַרויסוואַרפן פון געריכט.

אין יוני 1963 האָט אַ געריכט אין ווירדזשיניע געפונען אַ יונגן נאַצי שול־דיק אין מאָרד פון ערשטן גראַד. דער גע'משפט'ער איז אַ 18־יאָריקער מיטגליד פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" מיטן נאָמען דזשאָן ס. דענטאָן. ער איז אַ זון פון אַ וואַשינגטאָנער פּאָליסמאַן. ער איז געפונען געוואָרן שול־דיק פון דעם געריכט אין דערמאָרדן, מיט אַ יאָר פריער, דעם אידישן יוגנטלעכן לואיס מ. גאָלדפיין אין פאָלס טשוירטש, ווירדזשיניאַ. אין גע־

ריכט, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער מערדער איז דעם מאָרד ניט באַגאַנגען צוליב רויבעריי און ניט דערפאַר, ווייל ער האָט זיך צוליב עפּעס צעקריגט מיט דעם אידישן בחור, נאָר בלויז דערפאַר, וואָס ער האַסט אידן און האָט אין זיך איינגעזאַפּט ראַקוועל'ס לערע, אַז אידן דאַרף מען אומברענגען.

מיר האָבן דאָ געבראַכט אַ צעטל פון געצייכלטע אינצידענטן, וואָס זיינען פאָרגעקומען אין אַ צאָל ערטער, אין אַ ריי שטעט איבערן לאַנד צווישן פעברואַר און אויגוסט 1963. די צאָל אינצידענטן איז זיכער געווען פיל גרעסער און האָט זיך ווידערהאָלט אין אַ גאַנצער ריי אַנדערע גרעסערע און קלענערע ישובים איבערן לאַנד.

פיל פון די אַנטיסעמיטישע אינצידענטן ווערן קיינמאָל ניט רעגיסטרירט אין דער פּרעסע. אַ סך אידן האַלטן, אַז עס איז בעסער, אַז מען שווייגט. אַנדערע האַלטן, אַז דאָס איז בכלל ניט וויכטיק, אַז דאָס איז „נאָרמאַלער" כוליגאַניזם, און אַז מען דאַרף דערפון קיין וועזן ניט מאַכן.

מיר האָבן פאַר זיך אַ לאַנגן צעטל פון אַנטיסעמיטישע אַטאַקעס, וואָס זיינען אין יאָר 1962 יאָ באַריכט געוואָרן אין דער פּרעסע. נאָר דאָס אויסרעכענען די אינצידענטן וואָלט פאַרנומען אַ היפּש ביכל. שוין פון די אויסגערעכנטע אינצידענטן אַליין אין די 6 חדשים צווישן פעברואַר און אויגוסט 1963 קאָן מען זען, אַז דאָס זיינען ניט קיין צופעליקייטן. מען קאָן זען, אַז זיי ווערן גוט אָרגאַניזירט, ווערן סובסידירט און ווערן אָנגעפירט פון אַ צענטראַלער קערפּערשאַפט. ס'איז אויך קלאָר פון די לאָזונגען און פון דער גיפטיקער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די נעאָ־נאַציס פאַרשפּרייטן, אַז זיי ווילן נאָכטאָן די „אָריגינעלע" נאַציס. זיי ווילן אומברענגען אידן, זיי ווילן מאָרדן נעגער, זיי ווילן באַהערשן דאָס לאַנד און איינפירן דאָ אַ נאַצישע אָרדענונג.

האַס־„ליטעראַטור" — אַ גרויס געשעפט

שוין 18 יאָר, ווי פון יוניאָן סיטי, ניו דזשוירזי, ווערט אַרויסגעשיקט אַ צוויי־וועכנטלעכע שריפט מיטן נאָמען „קאָמאָן סענס". יעדע אויסגאַבע איז פול מיט די ווילדסטע בילבולים אויף אידן. פון איין זייט ווערן די אידן באַשולדיקט אין ברענגען קאָמוניזם אויף דער וועלט און אַז אַלע אידן זיינען קאָמוניסטן. פון דער אַנדער זייט ווערן זיי פאַרגעשטעלט, ווי באַנקירן, מאָנאָפּאָליסטן, בלוט־זויגערס און אַז זיי ווילן פאַרכאַפּן די גאַנצע וועלט. לויט דעם אַנטיסעמיטישן בלעטל האָבן אידן פאַראורזאַכט די צווייטע וועלט־מלחמה. די אידן ווערן באַשולדיקט אין אַלע איבלען פון אונזער געזעלשאַפט.

אין מיטן יולי 1962 איז פון יוניאָן סיטי (די זעלבע שטאָט, וואו „קאָמאָן סענס" ווערט אַרויסגעגעבן), אין אַ געוויסן טאָג אַרויסגעשיקט געוואָרן 100 טויזנט קאָפּיעס פון אַנטיסעמיטישער „ליטעראַטור". לויט דער דאָזיקער „ליטעראַטור" איז אייכמאַן געווען גאָט די נשמה שולדיק. דאָרט איז געזאָגט געוואָרן, אַז אידן האָבן אויסגעטראַכט די מעשה, אַז מען האָט אויסגעמאָרדעט

6 מיליאָן אידן. לויט דעם בלעטל לעבן די אַלע אידן אין אַמעריקע אין וואוילטאָג, און אַזוי ווייטער, א. אַז. וו.

אין דעם „אַמעריקען עקזאַמינער" פון 27טן יוני 1963 איז אָפּגעדרוקט אַ באַריכט וועגן דעם גרויסן וואוקס פון אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דער שרייבער פון דעם באַריכט דזשעימס ה. שעלדאָן דערציילט וועגן די מאַסן ביכער, בראָשורן, נאַצישע עמבלעמען, בילדער פון היטלערן, מעקאַרטין און דעם פירער פון די אַמעריקאַנער נאַציס, דזשאָרדזש לינקאָלן ראַקוועל, וואָס ווערן פאַרשפּרייט. די „ליטעראַטור", פּונקט ווי „קאַמאָן סענס", איז אָנגעפילט מיט גיפט און די סאַמע ווילדסטע פאַרלוימדונגען קעגן אידן, ווערן פאַרשפּרייט איבערן גאַנצן לאַנד, איבערהויפּט צווישן דער יוגנט און אויך אין אויסלאַנד.

דער אַדמיניסטראַטיווער דירעקטאָר פון דער „אַנטי־דעפאַמעישאָן ליג" ביים אָרדן בני ברית הערלד סאַקס האָט דערקלערט, אַז די פאַרשפּרייטונג פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע דורך דער פּאָסט איז „נאָך קיינמאָל ניט געווען אַזוי גרויס, ווי איצט". די דערקלערונג האָט מר. סאַקס געמאַכט אָנהויב יולי 1963 אין אַ באַריכט, וואָס ער האָט אָפּגעגעבן אויף אַ קאָנפערענץ פון דער ליג אין סאַן פראַנציסקאָ.

אין אויגוסט 1961 האָבן אַלע 3 אידישע צייטונגען אין ניו יאָרק און אַ צאָל אידישע פירער דערהאַלטן פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" די פאָלגנדיקע פּאָסט־קאַרטלעך:

„יודען ראוס" (אידן אַרויס),

„די דזשוז אַר גאָאינג אַפּ די סמאָוקסטעק" (די אידן גייען אַרויף מיטן רויך פון קוימען),

„ראַקוועל טו פּאַוער" (ראַקוועל צו דער מאַכט),

„ברינג בעק אושוויץ" (ברענגט צוריק אָשווענטשים).

איבער די לאָזונגען איז אויף דער רעכטער זייט פון יעדן קאַרטל געווען אָפּגעדרוקט אַ סוואַסטיקאַ. אויף דער לינקער זייט איז געווען אָפּן אָנגעגעבן דער אַדרעס:

„אַמעריקען נאַצי פּאַרטי,
נעשאָנאַל העדקוואָטערס,
928 נאָרט רענדאָלף סטריט
אַרלינגטאָן, ווירדזשיניאַ".

(אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי, נאַציאָנאַלע הויפּט־קוואַרטיר, אַדרעס...)

נעאָ־נאַציס אין קאַמף קעגן דעסעגרעגאַציע

אין שפּעטן פרילינג פון 1963 האָט דער „קאָנגרעס פאַר ראַסן־גלייכהייט" אָנגעהויבן פּיקעטן דעם „ווהייט קעסל" רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אויף באָסטאָן ראָוד און אַלערטאָן עווענױ, אין בראָנקס. דער רעסטאָראַן אין בראָנקס איז איינער פון פיל פון דער זעלבער פירמע איבער ניו יאָרק. די

אָרגאַניזאַציע פאַר ראַסן־גלייכהייט האָט דעמאָלט געהאַט אָנגעהויבן די אַקציע
פון מאַסן־פּיקעטס, כדי צו צווינגען די פירמע, אַז זי זאָל אָנהויבן אָנשטעלן
נעגער און פּאָרטאָ־ריקאַנער אין אירע רעסטאָראַנען. נאָך אַ שטיקל צייט
פון די פּיקעט־אַקציעס האָבן אָנגעהויבן אָנקומען מיט אויטאָמאָבילן כאָפּטעס
ווייסע יונגעלייט, וואָס האָבן אויף פאַרשיידענע אופנים טעראָריזירט די פּי־
קעטס און פּאַראורזאַכט ראַיאָטן. אַלס רעזולטאַט פון די ראַיאָטן זיינען 8 פון
די כוליגאַנעס אַרעסטירט געוואָרן. נאָך אַן אונטערזוכונג האָט די פּאָליציי
אויסגעפונען, אַז די 8 געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס הייסט די „נאַציאָ־
נאַלע רענעסאַנס פּאַרטיי". ביי די כוליגאַנעס האָט מען געפונען אַלערליי
סאָרטן געווער — אַ בויגן און פיילן מיט שטאָלענע שפּיצן, אַ ביקס פאַר
טרערן־גאַז, 8 רעגולערע ביקסן מיט הונדערטער קוילן, אַ ריי אַנדערע ביקסן,
רעוואָלווערן, מעסערס, גאָל־מעסער, האַקנס און נאָך מינים געווער. די פּאָ־
ליציי האָט אויך געפונען ביי די נעאָ־נאַציס גאַנצע פּעק האַס־ליטעראַטור,
אַרויסגעגעבן פון דער „נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פּאַרטיי" און די „ווהייט
סוירקל ליג". די פּאָליציי האָט ביי זיי אויך געפונען אַ היפּש ביסל פּאָרנאָ־
גראַפישע „ליטעראַטור". אויף איינעם פון די בלעטלעך איז געווען געדרוקט
דאָס פאָלגנדיקע: „נעגעריש בלוט האָט פאַרניכטעט די ציוויליזאַציעס פון
עגיפּטן, אינדיע, פעניציע, גריכנלאַנד און רוים. דאָס וועט אויך פאַרניכטן
אַמעריקע". איינער פון די אַרעסטירטע איז געווען דזשעימס מאַדאָלע, ווע־
מען מיר האָבן שוין פריער דערמאָנט אַלס דירעקטאָר פון דער נעאָ־נאַצי־
שער „רענעסאַנס" פּאַרטיי.

צווישן די אַרעסטירטע איז אויך געווען אַ אידישער יונגערמאַן מיטן
נאָמען יאַן לעהר פון סקענעקטעדי עוועניו, ברוקלין. דער טאַטע האָט באַ־
גלייט זיין זון אין דער פּאָליציי־סטאַנציע. ביי אים זיינען געשטאַנען טרערן
אין די אויגן. ער האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געמורמלט: „און איך בין
דאָך אַ איד אויך..." פּרץ ראָזנטאַל, דער לאָיער פון דעם אידישן נאַצי, האָט
דערקלערט: „מיין קליענט איז אַ איד; די נאַציס האָבן אויסגעראָטן זיינע
אורעלטערן און איצט ווילן זיי אויסראָטן די לעבנגעבליבענע". אויף דער
פראַגע, ווי קומט אַ איד צווישן דער באַנדע, האָט מר. ראָזנטאַל געענטפערט:
„איך קען אים שוין אַ סך יאָרן. איך בין געווען ביי זיין בר מצווה. ער שטאַמט
פון אַ פיינער פאַמיליע. ווי אַזוי ער איז דאָ פאַרמישט געוואָרן ווייסן מיר ניט.
ער מוז זיין זייער אַ צעדרייטער בחור".

נאָך איינער פון די אַרעסטירטע איז געווען אַן 18־יאָריקער בחור מיטן
נאָמען עדוואַרד קאַסידי. ביי אים האָט די פּאָליציי געפונען מיטגליד־קאַרט־
לעך פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" און דער „אינטערנאַציאָנאַלער פאַ־
שיסטישער פּאַרטיי". מיט אַ מאָנאַט שפּעטער זיינען אַלע אַרעסטירטע אָנ־
געקלאָגט געוואָרן פאַר באַזיצן געווער אומגעזעצלעך, אין פאַרשפּרייטן „קרי־
מינעלע אַנאַרכיע" און אין פּרובירן פאַראורזאַכן אַ ראַיאָט. דער דיסטריקט
אַטוירני פון בראָנקס, איזידאָר דאָלינדזשער, האָט דערקלערט, אַז „אָנקלאָגן

די פאַרשוינען, וועלכע זיינען פאַרבונדן מיט דער ,אַמעריקאַנער רענעסאַנס פּאַרטיי" — אַ נאַצישע באַוועגונג איז פון דער גרעסטער וויכטיקייט".

דעם 16טן יולי האָט די „ניו יאָרק טיימס" אין אַ לייט־אַרטיקל קאָמענטירט אויף דעם פאַל מיט די פאַלגנדיקע ווערטער:

„עס דאַרף פאַר קיינעם ניט זיין קיין וואונדער, וואָס די היימיש־געבאַקענע נעאָ־נאַציס זיינען געווען צווישן די כוליגאַנעס, וואָס האָבן פאַראורזאַכט צוויסטיקייטן ביים רעסטאָראַן אין בראָנקס. די באַוואָפנטע ווייסע, ווילדע פאַרשוינען פון דער אַזוי־גערופענער נאַציאָנאַלער רענעסאַנס פּאַרטיי, דרייען זיך נאַטירלעכערוייז אַרום אַ פלאַץ, וואו זייער פילאָזאָפיע פון ראַסן און רעליגיעזן־האַס, קאָן אויפגעבלאָזן ווערן אין אַ גאַסן־געשלעג".

די „טיימס" האָט פאַרענדיקט דעם לייט־אַרטיקל מיט די פאָלגנדיקע ווערטער:

„אין ניו יאָרק, אין וואַשינגטאָן, אָדער ערגעץ אַנדערש, דענקען די האַסער און די ראַסיסטן — ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אין בראָנקס — ווי נאַציס און קאָנען זייער לייכט האַנדלען ווי זיי".

דער פאַל אין בראָנקס איז ניט דער איינציקער, וואָס ווייזט, אַז די היגע נאַציס פון פאַרשיידענע מינים פאַרשפרייטן אַנטיסעמיטיזם און ווערן גענוצט קעגן דער נעגערשער באַוועגונג פאַר ציווילע רעכט. דעם 17טן אויגוסט 1963 זיינען 4 נעאָ־נאַציס אַרעסטירט געוואָרן אין פּיטסבורג, פּענסילווייניע, פאַר שפּרייטן ליפלעטס מיט אַן אַנטי־נעגערשן אינהאַלט. אַלע 4 אַרעסטירטע יונגעלייט, זיינען געווען אָנגעטאָן אין אוניפאָרמען מיט אַ מיליטערישן אויסזען, מיט סוואַסטיקעס אויף זייערע אָרעמס. אַלע 4 האָבן אָנגעגעבן זייערע אַדרעסן אין אַרלינגטאָן, ווירדזשיניאַ — די שטאָט וואו די „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" האָט איר הויפּט־קוואַרטיר.

אין טאָורענס, קאַליפאָרניע, האָבן בויאַנעס פון דער „בוירטש סאָסייעטי" און פון דער נאַצי פּאַרטיי אָפּגעבראָכן אַ פאָרום אין אַ היי־סקול. דער פאָרום האָט געזאָלט זיין וועגן ציווילע רעכט און האָט געזאָלט פאָרקומען דעם 18טן אויגוסט.

דעם 20טן אויגוסט 1963 איז אין לינטשבורג, ווירדזשיניאַ, פאָרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג וואו דער פירער פון די אַמעריקאַנער נאַציס דזשאָרדזש לינקאָלן ראַקוועל, איז אויפגעטראָטן מיט אַ רעדע. צו דעם מיטינג זיינען געקומען אַרום 500 מענטשן. פיל פון די פאַרזאַמלטע האָבן אַפּלאָדירט ראַקוועלס אַנטיסעמיטישע און אַנטי־נעגערשע אויסגוסן. דער נאַצי־פירער האָט גערופן די פאַרזאַמלטע אָרגאַניזירן אַ מאַרש קיין וואַשינגטאָן — קעגן דעם היסטאָרישן מאַרש פאַר ציווילע רעכט פון דעם 28טן אויגוסט.

דער סופּיריאָר געריכט אין לאָס אַנדזשעלעס האָט דעם 23טן אויגוסט 1963 גע'פסק'נט, אַז די נאַצי פּאַרטיי האָט אַ רעכט דורכצופירן מאַסן־מיטינגען אויף ערטער, וואָס געהערן דער שטאָט. די נאַצי־פּאַרטיי האָט גע־

מאַכט צוגרייטונגען דורכצופירן 3 גרויסע מאַסן־מיטינגען דעם 28טן אויגוסט, אַלס דעמאָנסטראַציע קעגן דעם מאַרש אויף וואַשינגטאָן פאַר ציווילע רעכט, וואָס איז פאָרגעקומען דעם זעלבן טאָג. אַנדערע אָנטיילנעמער אין די נאַציִשע מיטינגען זיינען געווען די „קעמפנדיקע אַמעריקאַנער נאַציאָנאַליסטן", דער „קאָמיטעט צו האַלטן אַמעריקע ווייס", און די „פרויען אָקזילערי פון דער נאַצי פּאַרטיי". דער ריכטער, וואָס האָט אַרויסגעגעבן די אָנטשיידונג איז אַ איד מיטן נאָמען אַלפרעד געטלסאָן.

דעם 27טן אויגוסט, אַ טאָג פאַר דעם היסטאָרישן מאַרש אין וואַשינגטאָן, האָט די וואַשינגטאָנער פּאָליציי אַרעסטירט קאַרל אַלען, געהילף־קאָמאַנדיר פון דער „אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי", ווען ער האָט פּרובירט האַלטן אַ פּראָטעסט־רעדע קעגן דעם מאַרש פאַר ציווילע רעכט.

דעם 28טן אויגוסט האָט די „אַמעריקאַנער נאַצי פּאַרטיי" פּרובירט דורכפירן אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן דעם מאַרש אויף וואַשינגטאָן אין בוירבענק, קאַליפאָרניע. ווען דער נאַצי האָט אָנגעהויבן ריידן, האָבן עטלעכע הונדערט פאַרזאַמלטע אים אָנגעהויבן אויסלאַכן. דער נאַצי איז געצוואונגען געווען זיך אָפּטראָגן.

נאָך אַן אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַרבינדט אַנטיסעמיטיזם מיט פאַרביסענעם האָס צו נעגער, איז די „נעשאָנאַל סטייטס רייטס פּאַרטי". לויט אַ באַריכט פון דער „יונייטעד פּרעס אינטערנעשאָנאַל", וואָס איז געוואָרן פאַרעפנטלעכט אין סעפּטעמבער אין דער „נ. י. טיימס" און אַנדערע צייטונגען, באַרימט זיך די אָרגאַניזאַציע, אַז זי פאַרמאָגט מיטגלידער אין 37 שטאַטן. די 2 הויפּט־פּונקטן אין דער פּראָגראַם פון דער פּאַרטיי איז — סעגרעגאַציע און אַנטיסעמיטיזם. די 2 אָנפירער פון דער פּאַרטיי אין קאַליפאָרניע זיינען די גלחים טשאַרלס קאָנלי לינטש און דר. לעסלי דזש. סוויפט. סוויפט באַרימט זיך מיט זיין האַס צו אידן. די הויפּט־קוואַרטיר פון דער פּאַרטיי געפינט זיך אין בוירמינגהעם, אַלאַבאַמאַ. דער אָפיציעלער אָרגאַן פון דער פּאַרטיי איז די צייטונג „טאַנדערבאָלט". אין איינעם פון אַרטיקלען, וואָס איז דערשינען אין דער צייטונג, ווערט גלאָריפיצירט דזשוליוס שטרייכער, דער טרויעריק־באַרימטער אידן־פרעסער, וואָס איז נאָך דער מלחמה אויפגעהאַנגען געוואָרן אין נירענבערג, דייטשלאַנד, ווי אַ מלחמה־פאַרברעכער. דער אינפאָרמאַציע־דירעקטאָר פון דער פּאַרטיי דר. עדוואַרד ר. פיעלדס האָט געזאָגט, אַז די פּאַרטיי איז אָרגאַניזירט געוואָרן אין יאָר 1950 פון „קעמפער פאַר די רעכטן פון שטאַטן" און פון דער „פאַראייניקטער ווייסער פּאַרטיי". דער אָפיציעלער פירער פון דער פּאַרטיי איז נעד דיוקס פון נאַקסוויל, טענעסי. אין יאָר 1960 האָט די פּאַרטיי אַרויסגעשטעלט גאָווערנאָר אָרוועל אי. פאָבוס פון אַרקענסאָ אַלס איר קאַנדידאַט פאַר פּרעזידענט. אַלס קאַנדידאַט פאַר וויצע־פּרעזידענט איז אַרויסגעשטעלט געוואָרן דער אַנטיסעמיטישער אַדמיראַל דזשאָן קראָמעלין. צווישן די מיטגלידער פון דער פּאַרטיי געפינען זיך פיל געוועזענע מיטגלידער פונ׳ם קו־קלוקס־קלען.

די „דזשאָן בוירטש סאָסייעטי״

אין אַמעריקע געפינען זיך נאָך פיל אַנדערע פאַשיסטישע און אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציעס, וואָס שפּרייטן ראַסן־האַס אויף פאַרשיידענע אופנים. די סאַמע וויכטיקסטע און די ברייט־פאַרשפּרייטסטע איז מסתמא די „דזשאָן בוירטש סאָסייעטי״. אָפיציעל איז די „סאָסייעטי״ געגרינדעט געוואָרן דעם 8טן און 9טן דעצעמבער 1958 אין אינדיאַנאַפּאָליס, וויסקאָנסין. דער פירער אירער איז ראָבערט וועלטש, וועלכער איז פיל יאָרן געווען דער הויפּט־פאַרוואַלטער פון איינער פון די גרעסטע שאָקאָלאַד־פאַבריקן אין לאַנד. אַ צאָל יאָרן איז ער געווען דער דירעקטאָר פון אַ ריי אינדוסטריעלע קאָרפּאָראַציעס און אַ געוויסע צייט אויך דער וויצע־פּרעזידענט פון דער „נעשאָנאַל אַסאָסיעישאָן אָוו מאַנופעקטשורערס״.

פאַר דער גרינדונג פון דער „סאָסייעטי״ זיינען פאָרגעקומען קאָנפערענצן פון אָנגעזעענע מאַגנאַטן אין לאַנד אין דרום און אין צפון. ביי דער גרינדונג פון דער אָרגאַניזאַציע האָט וועלטש געקראָגן אַ טשעק אויף אַ מיליאָן דאָלער אויף הוצאות. ס׳איז אַ מאָדנער „צופאַל״, וואָס ניט לאַנג נאָך דער גרינדונג פון דער „סאָסייעטי״ איז אין אַמעריקע און אין אַ גרויסער צאָל אַנדערע לענדער, אין דרום־אַמעריקע און אייראָפּע, אויסגעבראָכן די באַוואוסטע סוואַסטיקאַ־מגפה (סוף 1959 און אָנהויב 1960).

עס איז שוין אַן עטאַבלירטער פאַקט, אַז די „סאָסייעטי״ האָט קאָנטאַקטן מיט פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס אין אַנדערע לענדער. דער הויפּט פון „בוק מעילער, אינק.״ לאַיל מונסאָן — האָט דערקלערט, אַז ער האָט קאָנטאַקטן אין אַלע 50 שטאַטן און אין 109 לענדער. מונסאָן איז אַ נאָענטער פריינט פון ראָבערט וועלטש און „בוקמעילער, אינק.״ איז אַ פאַרלאַג דורך וועלכן די בוירטשערס גיבן אַרויס און פאַרשפּרייטן אַ גרויסן טייל פון זייער „ליטעראַטור״.

דאָס איז בלויז איינער פון אירע פאַרלאַגן. דורך דעם פאַרלאַג און דורך אַנדערע קאַנאַלן פאַרשפּרייט די „בוירטש סאָסייעטי״ איר ראַסיסטישע, אַנטי־סעמיטישע און אַנטי־קאָמוניסטישע פּראָפּאַגאַנדע. די בוירטשערס זיינען באַזונדערס שטאַרק אַקטיוו אין קאַליפאָרניע. אָט זיינען איניקע בוך־געשעפטן פון דעם פאַרלאַג „בוקמעילער״ דורך וועלכע די האַס־ליטעראַטור ווערט פאַרשפּרייט: „פור ריטשאַרדס״, לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע; „פרידאָם בוק־סטאָרס״ וויטיער און פולערטאָן, קאַליפאָרניע; „מינוטמען״ — פּאַסאַדינאַ, קאַליפאָרניע, „קראָו׳ס״ — סאַנטאַ באַרבאַראַ, קאַליפאָרניע, „בעטסי ראָס בוקשאָפּ״ — וועסט לאָס־אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע.

געסט פון מערב־דייטשלאַנד

זינט דעם יאָר 1945 זיינען אין אַמעריקע געקומען אויף באַזוכן איבער 10 טויזנט געסט פון מערב־דייטשלאַנד. דער צוועק פון פיל פון די באַזוכער איז געווען צו באַגייען קאָנטאַקטן מיט פּראָ־נאַצישע גרופּן און אָרגאַניזאַ־

ציעס. אין יאָר 1958 איז אַהער געקומען אויף אַן „אומאָפיציעלן באַזוך" דר. וואָלטער בעכער, דער גענעראַל סעקרעטאַר פון דעם ראַט פון די סודעטן דייטשן. אַ צווייטער „אומאָפיציעלער באַזוכער" דעם זעלבן יאָר איז געווען געאָרג בראַדא פון מערב־דייטשלאַנד. בראַדא איז מיט אַ שטיקל צייט פריער אַרויסגעשיקט געוואָרן פון טשעכאָסלאָוואַקיע ווי אַ שפּיאָן. נאָך דעם באַזוך פון די 2 „געסט" האָבן זיך אין אַמעריקע באַוויזן „דאָקומענטן", וואָס דעקן אויף אַ „געפאַר פאַר דער אַמעריקאַנער רעגירונג מצד אַ געהיימער רעגירונג פון קאָמוניסטן און אידן אין די פאַראייניקטע שטאַטן".

באַלד נאָכדעם האָבן זיך באַוויזן פּראָ־נאַציסטישע אַרטיקלען אין „דאַן סמוט רעפּאָרט" און „אַמעריקען מוירקערי". ביידע אויסגאַבעס ווערן קאָנטראָלירט פון פרעד קאָך, רוסעל מעגוויער, רעווערענד דזשעראַלד ווינראָד און מערווין ק. האַרט פון ניו יאָרק. די אַלע זיינען געווען מיטגלידער פון דער נאַצישער קאָלאָניע אין אַמעריקע בשעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאַן סמוט איז פריער געווען אַן אַדמיניסטראַטיווער געהילף צו עדגאַר הואווער פון דער עף־בי־איי. ער האָט זיך צוריקגעצויגן פון דער עף־בי־איי כדי צו ווערן אַ רעדאַקטאָר פון דער אולטראַ־רעכטער שריפט „פעקטס פאָרום". די שריפט איז פינאַנסירט געוואָרן פון דעם מולטי־מיליאָנער פון טעקסאַס ה. ל. האַנט. דאָס איז דער זעלביקער האַנט, וואָס שטיצט פיל אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציעס און אונטערנעמונגען. איצט גיט סמוט אַרויס זיין אייגענע אויסגאַבע: „דאַן סמוט רעפּאָרט".

פרעד קאָך איז פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט פון אַ ריי אויל ראַפינירקאָמפּאַניס און איז אַ מיטגליד פון דעם נאַציאָנאַלן ראַט פון דער „דזשאָן בירטש סאָסייעטי". מערווין ק. האַרט איז געווען פּרעזידענט פון דעם פאַשיסטיש־אַנטיסעמיטישן „נעשאַנאַל עקאַנאָמיק קאַונסיל" און דער הויפּט פון דעם 26טן טשאַפּטער (אָפּטייל) פון דער „דזשאָן בירטש סאָסייעטי" אין מאַנהעטן, ביז זיין טויט אין נאָוועמבער 1962.

אין אַפּריל 1961 איז פאָרגעקומען אַ געהיימע קאָנפערענץ פון אַ צאָל אויסלענדישע פּערזענלעכקייטן אין ביירוט, לבנון. אייניקע פון די פּערזאָנען, וואָס האָבן אָנטיילגענומען אין דער קאָנפערענץ זיינען געווען הערמאַן זעק־נעטווינג, געוועזענער הויפּט פון נאַצישן שפּיאָנאַזש אין דרום־אייראָפּע, דער נאַצישער מאַיאָר־גענעראַל אָטאָ ערנסט רעמער, אָטאָ סקאָרזשעני, וועלכער האָט אָרגאַניזירט דאָס אַנטלויפן פון מוסאָליני. עס זיינען אויך געווען וואָלטער טרענקעלבאַך, וועלכער האָט נאָך דער מלחמה געהאָלפן אַדאָלף אייכמאַנען אַנטלויפן קיין אַרגענטינע; דער טרויעריק־באַרימטער פאַשיסט פון ענגלאַנד סער אָסוואַלד מאָזלי און אַ ריי באַוואוסטע פאַשיסטן פון אַנדערע לענדער.

פון אַמעריקע איז געקומען — מערווין ק. האַרט. די קאָנפערענץ איז פינאַנסירט געוואָרן פון דעם „נעשאַנאַל עקאַנאָמיק קאַונסיל". דער פאָרזיצער פון דער קאָנפערענץ איז געווען אַלאָיס ברונער — איינער פון אייכמאַנס הויפּט־מיטאַרבעטער ביים אומברענגען אידן. איינע פון די הויפּט־

פראַגעס, וואָס איז געשטאַנען פאַר דער קאָנפערענץ איז דאָס געפינען וועגן און מיטלען, ווי אַזוי צו פאַרמיידן, אַז געוויסע נעמען זאָלן ניט אַרויפשווימען ביים אייכמאַן־משפט, וואָס האָט דעמאָלט באַדאַרפט פאַרקומען אין ירושלים.

פון די געבראַכטע פאַקטן קאָן מען זען די ברייט־פאַרצווייגטע פאַרבינדונגען פון די אַמעריקאַנער „אולטראַס" מיט נאַצישע און אַנדערע פאַשיסטישע עלעמענטן אין מערב־דייטשלאַנד און אַנדערע לענדער. לויט אַלע באַריכטן געפינען זיך אין דער „בוירטש סאָסייעטי" אַרום 100 טויזנט אָנגעזעענע און איינפלוסרייכע פערזענלעכקייטן אין דער וועלט פון פינאַנץ, פילמען, טעלעוויזיע, פּאָליטיק, פּענסיאָנירטע גענעראַלן, אַדמיראַלן, קאָלומניסטן, גלחים, רעדאַקטאָרן, און פּאָליציי־באַאַמטע. פאַרן פשוטן פאָלק זיינען דאָ באַזונדערע אָפּטיילן. אָפּטיילן פון דער „סאָסייעטי" עקזיסטירן אין מערסטע ישובים פון לאַנד און אין אַלע 50 שטאַטן.

מיט דער הילף פון די „בוירטשערס" זיינען אויך שטאַרק אויסגעוואַקסן אַ ריי אַנדערע אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציעס. די „אַמעריקאַנער קאָאַליציע פון פּאַטריאָטישע סאָסייעטיס" איז אַ מין לויזע קאָאַליציע פון אַ צאָל אַנדערע עקסטרעם־רעאַקציאָנער־רעכטע אָרגאַניזאַציעס. אַן אַנדער אָרגאַניזאַציע פון דעם מין איז „ווי, די פּיפּל" (מיר, דאָס פאָלק). דער הויפּט פון דער אָרגאַניזאַציע איז דער עוואַנגעליסט פון טולסאַ, אָקלאַהאָמאַ בילי דזשעימס האַרגיס. איר פאַרזיצער איז עזרא טעפט בענסאָן, געוועזענער אַגריקולטור־מיניסטער אונטער אייזענהאַוער'ן.

„די קאָנסערוואַטיוו סאָסייעטי אָוו אַמעריקע", איינע פון די אָרגאַניזאַציעס, וואָס האָט געהאָלפן גרינדן די „בוירטש סאָסייעטי", פאַרשפּרייט אַרום אַ האַלבן מיליאָן בראָשורן אַ יאָר.

די „יאָנג אַמעריקאַנס פאַר פרידאָם" איז באַזונדערס אַקטיוו צווישן דער יוגנט. די אָרגאַניזאַציע פאַרמאָגט קלובן אין אַן ערך אַ העלפט פון אַלע קאָלעדזשעס אין אַמעריקע. דער נאַציאָנאַלער דירעקטאָר פון דער יוגנט אָרגאַניזאַציע איז דער „בוירטשער" דאָגלאַס קערי.

גרויס אויפמערקזאַמקייט ציט לעצטנס צו זיך די „קריטשען אַנטי־קאָמיוניסט קרוסעיד". די אָרגאַניזאַציע ווערט אָנגעפירט פון דעם גע'שמד'טן אידן פון אויסטראַליע פרעד שוואַרץ. די אָרגאַניזאַציע טוט „געשעפטן" אויף אַן ערך אַ מיליאָן דאָלער אַ יאָר.

נאָך אַן אָרגאַניזאַציע מיט אַן ענלעכן נאָמען איז די „קרישטשען קרוסעיד", וועלכע ווערט אָנגעפירט פון, דעם פריער דערמאָנטן, בילי דזשעימס האַרגיס. נאָך אַן אולטראַ־רעכטע אָרגאַניזאַציע איז די „נעשאָנאַל אינדיגנעישאָן קאָנווענשאָן".

די אולטראַס אין אַמעריקע פאַרמאָגן אפילו זייער אייגענע פאַרטיידיגונגס־אָרגאַניזאַציע, צו פאַרטיידיקן זייערע מיטגלידער און אָרגאַניזאַציעס אין פאַל פון משפטים אין געריכט. ראָבערט מאָרים, געוועזענער אַדוואָקאַט פון דער טרויעריק־באַרימטער איסטלאַנד קאָמיטע פון סענאַט, איז דער פּרעזידענט פון דער אָרגאַניזאַציע.

עס זיינען אויך דאָ: די „מינוטמאַן, יו־עס־עי״, די „אַסאָסיעישאָן אָוו די אַמעריקען פלעג״, די „קאָמיטי טו סטראָגל פאָר יו־עס ראַיטס״, און די „קאָנסערוואַטיוו סאָסייעטי אָוו אַמעריקאַ״.

דאָ זיינען דערמאָנט געוואָרן בלויז די סאַמע גרעסטע און וויכטיקסטע רעאַקציאָנערע אָרגאַניזאַציעס. די אָרגאַניזאַציעס ווערן אָפט אָנגעפירט פון אָפענע אַנטיסעמיטן און אויסגעשפּראָכענע ראַסיסטן. די ליטעראַטור, וואָס די אָרגאַניזאַציעס פאַרשפּרייטן און צעשיקן איבערן גאַנצן לאַנד דערגרייכן אין די צענדליקער מיליאָנען עקזעמפּלאַרן יערלעך.

דער פאַרשטאָרבענער קאָנגרעסמאַן פּרענסים אי. וואָלטער, וועלכער איז געווען פאָרזיצער פון דער „אומאַמעריקאַנער קאָמיטע״ און איינער פון די פאַרפאַסער פון דעם וואָלטער־מעקאַרען אַקט, איז געווען גאָר נאָענט מיט פּרעד שוואַרצ׳ן און בילי האַרגיס׳ן. ער האָט אויך סימפּאַטיזירט מיט די „בוירטשערס״.

קאָנגרעסמאַן גאָרדאָן ה. שערער פון אָהייאָ האָט זיך ניט לאַנג צוריק צוריקגעצויגן פון מיטגלידערשאַפט אין דער וואָלטער־קאָמיטע. אין 1958 האָט שערער גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דעם צוגרייטונג־קאָמיטעט, וואָס האָט זיך פאַרנומען מיטן גרינדן די „בוירטש סאָסייעטי״.

עס זיינען דאָ ביי אונז אין לאַנד וויסנשאַפטלייט, אידישע און ניט־אידישע, געוויסע אידישע פירער און אויך אַ צאָל שרייבער אין אידישע צייטונגען, וואָס האַלטן, אַז די אַלע אַנטיסעמיטן און נעאָ־נאַציס זיינען בלויז פּסיכאָפּאַטן און ס׳איז ניטאָ וואָס צו שרעקן זיך פאַר זיי; די בעסטע זאַך איז ניט שענקען זיי קיין אויפמערקזאַמקייט. איז טאַקע אמת, אַז די אַלע אָרגאַניזאַציעס ציען־צו צו זיך פאַרשיידענע „קרענקס״, פּסיכאָפּאַטן, קרימינאַלניקעס און אַנדער אָפּפאַל פון דער געזעלשאַפט. פון די פאַקטן אָבער, וואָס זיינען דאָ אַרויסגעבראַכט געוואָרן קאָן מען זען, אַז די פירער און די כוחות, וואָס שטייען הינטער די אָרגאַניזאַציעס און שטיצן זיי, זיינען שוין גאָרניט קיין משוגעים. זיי ווייסן, וואָס זיי טוען און ווייסן, וואָס זיי ווילן. זייער צוועק איז איינצופירן אין אַמעריקע אַזאַ אָרדענונג, ווי היטלער האָט איינגעפירט אין דייטשלאַנד. זייער הויפּט־פּראָגראַם איז ראַסן־האַס און מלחמה. אונטערשאַצן די עלעמענטן איז אַ געפאַר פאַרן אידישן פאָלק און פאַר אַמעריקע.

אַז עס זיינען דאָ איינצלנע פערזענלעכקייטן אין דעם אידישן לעבן און דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט, וואָס אָנערקענען די געפאַר, איז צו זען פון געוויסע אַרויסזאָגונגען, וואָס זיינען איבערגעגעבן געוואָרן אין דער פּרעסע אין 1963.

דעם 1טן פעברואַר 1963 האָט דער פּרעזידענט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס דר. יאָאַכים פּרינץ, אַרויסגעשיקט אַ בריוו צו די מיטגלידער פון קאָנגרעס. אין דעם בריוו האָט דר. פּרינץ איבערגעגעבן, אַז

ער האָט זיך ערשט אומגעקערט פון אַ רייזע אין מערב־דייטשלאַנד און האָט זיך דאָרטן אָנגעשטויסן אויף אַ „סיסטעמאַטישער קאַמפּאַניע איבערצושרייבן געשיכטע — אַז עס איז בעסער צו פאַרגעסן דעם טשיקאַוון אינצידענט (פון היטלעריזם) אין דער ניט־לאַנגאַניקער פאַרגאַנגענהייט".

אין דעם בריוו זאָגט דער פּרעזידענט פון דעם אַמעריקאַנער אידישן קאָנגרעס אויך, אַז „עס איז באַזונדערס באַאומרואיקנדיק אויסצוגעפינען, אַז די קאַמפּאַניע האָט מעכטיקע אונטערשטיצער ניט נאָר אין דייטשלאַנד, נאָר אויך אין אַמעריקע — צווישן זייער גוט באַוואוסטע אַמעריקאַנער".

דער נאַציאָנאַלער קאָמאַנדיר פון די אידישע מלחמה וועטעראַנען, מאָר־טאָן לאַנדאָן האָט דעם 3טן מערץ 1963 צוגעשיקט אַ בריוו צו דעם אַטוירני דזשענעראַל ראָבערט קענעדי. אין דעם בריוו האָט מר. לאַנדאָן אָנגע־וויזן, אַז אין וואַשינגטאָן געפינט זיך אַלס ראַטגעבער פון דער רעגירונג איבער מזרח־אייראָפּייאישע ענינים איינער אַ גוסטאַוו הילגער. לאַנדאָן האָט אָנגעוויזן ראָבערט קענעדין אין זיין בריוו, אַז „הילגער איז געווען פאַן ריבענטראָפּ׳ס רעכטע האַנט און אַז ער האָט געהאָלפן אָרגאַניזירן, אין די אינטערעסן פון די נאַציס, די פּראָ־פאַשיסטישע און אַנטיסעמיטישע עלע־מענטן אין די אָקופּירטע סאָוועטישע טעריטאָריעס".

דעם 2טן מערץ 1963 האָט דער גאָווערנאָר פון קאַליפאָרניע, פּעט בראַון, געהאַלטן אַ רעדע אין סאַן דיעגאָ, קאַליפאָרניע. אין דער רעדע האָט ער שאַרף פאַרדאַמט די „בוירטש סאָסייעטי" און האָט באַצייכנט די טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע אַלס געפאַר פאַר די דעמאָקראַטישע אינסטיטוציעס אין לאַנד.

אין דער זעלבער צייט האָט דער געוועזענער גאָווערנאָר פון קענזעס, פרעד האָל, באַצייכנט די „בוירטשערס" אַלס פּראָ־פאַשיסטן און אַז זיי זיינען אויך אָנגעשטעקט מיטן קענסער פון אַנטיסעמיטיזם.

דעם 28טן אַפּריל 1963 איז אין דער „לאָס אַנדזשעלעס טיימס" פאַר־עפנטלעכט געוואָרן אַ באַריכט פון אַ רעדע, וואָס דער גאָווערנאָר פון אָרעגאָן, מאַרק העטפילד, האָט געהאַלטן אין סקאַטסדעיל, אַריזאָנאַ. אין דער רעדע האָט דער גאָווערנאָר דערקלערט, אַז די פאַשיסטן „זיינען איצט דאָ אין לאַנד, אַז זיי האָבן געקראָגן „רעספּעקטאַבלקייט" דורך דער שטיצע, וואָס זיי געניסן פון געשעפט־פירער און אַז דורך דעם ווערט געשאַפן אַ גרויסע געפאַר פאַרן פאָלק".

דער גאָווערנאָר האָט ווייטער דערקלערט:

„איך האָב קיין צווייפל ניט, אַז ס׳זיינען דאָ אַזוינע, וועלכע פאַנטאַ־זירן פון זיצן אין ווייסן הויז אין מונדירן און פון דורכצופירן אַ בלוט־באָד צו פאַרווירקלעכן זייערע האַס־קאַמפּאַניעס. די בלוט־באָד וועט מיינען די בוכשטעבלעכע פאַרניכטונג פון די מינאָריטעטן — אידן, קאַטאָליקן און נעגער".

דעם 30טן אויגוסט 1963 האָט העינץ גאַלינסקי, פאָרזיצער פון דער

אידישער קהילה אין מערב־בערלין, פאַרעפנטלעכט אַן אַפּיל אין דעם וואָכנ־בלאַט פון דער קהילה „אַלגעמיינע וואָכענבלאַט דער יודען". גאַלינסקי האָט אין דעם אַפּיל אויפגעפאָדערט די רעגירונגען פון אַמעריקע און ענגלאַנד, אַז זיי זאָלן באַלד אָפּשטעלן דעם שטראָם פון אַנטיסעמיטישער פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַל, וואָס פליִיצט פון אַמעריקע און ענגלאַנד קיין מערב־דייטשלאַנד און מערב־בערלין. דער אַפּיל פון גאַלינסקי׳ן איז געקומען נאָכדעם, ווי מיט אַ פּאָר טעג פריִער האָט מען געפונען 4 פּלאַקאַטן, וואָס זיינען געווען אויפגע־האַנגען אויף די פאָדערשטע טויערן פון דעם אידישן קהילה־צענטער פון דער שאַרלאָטנבורג געגנט אין מערב־בערלין. די פּלאַקאַטן האָבן געהאַט אויף זיך היטלער׳ס בילד און אונטער דעם — אַן אַדרעס אין לאָנדאָן, וואו דאָס בילד איז געדרוקט געוואָרן. אויף מאָרגן האָט אַ פאַרשטייער פון דער נאַצי־פּאַרטיי אין לאָנדאָן, די „נאַציאָנאַל סאָציאַליסטן", צוגעגעבן, אַז זיין פּאַרטיי האָט געשיקט קיין מערב־דייטשלאַנד 10 טויזנט אַנטי־אידישע פּלאַ־קאַטן. ער האָט דערביי אָנאָנסירט, אַז עס וועלן צוגעגרייט נאָך פּעק מיט מאַטעריאַלן אויף אַרויסצושיקן פון דער אינטערנאַציאָנאַלער נאַצי־באַוועגונג, וואָס געפינט זיך אין אַמעריקע.

דעם 30טן יוני 1963 איז אויפגעטראָטן מיט אַ רעדע וויל מאַסלאָו, דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פון אַמעריקאַנישן אידישן קאָנגרעס, אין אַטלאַנטיק סיטי. די רעדע האָט ער געהאַלטן ביי אַ פּלענאַרער זיצונג פונעם „נעשאַנאַל קאָמיוניטי רילייישאָנס אַדוויזאָרי קאָונסיל". אין דער רעדע האָט וויל מאַסלאָו געוואָרנט קעגן דער וואַקסנדיקער געפאַר פון עקסטרעם־רעכטע אָרגאַניזאַ־ציעס אין לאַנד.

ביי די זיצונגען זיינען אָנגענומען געוואָרן רעזאָלוציעס, וואָס שליסן איין אַ רוף פאַר אַן אַנטשלאָסענעם קאַמף, צוזאַמען מיט די נעגערשע מאַסן, קעגן יעדן שפּור פון דיסקרימינאַציע, „כדי צו מאַכן אַמעריקע פולשטענדיק פריי".

די אַנאַטאָמיע פונ׳ם אַמעריקאַנער פאַשיזם ווערט שאַרף אויסגעדריקט דורך געוויסע לאָזונגען, וואָס זיי שטעלן אַרויס. דעם 25טן אַפּריל 1963 איז דער אַטוירני דזשענעראַל ראָבערט קענעדי געקומען קיין מאָנטגאָמערי, אַלאַ־באַמאַ, צו קאָנפערירן מיטן ראַסיסטישן גאָווערנאָר פון אַלאַבאַמאַ, דזשאָרדזש וואָלאַס. ווען די קאָנפערענץ איז אָנגעגאַנגען צווישן דעם גאָווערנאָר און דעם אַטוירני דזשענעראַל אין דער סטעיט קעפּיטאָל, האָבן אינדרויסן מאַרשירט אין אַ פּיקעט־ליין פּראָ־פאַשיסטישע עלעמענטן מיט פּלאַקאַטן. די פּלאַקאַטן האָבן געהאַט די פאָלגנדיקע אויפשריפטן:

קאָשער טיעם
קענעדי
קאַסטראָ
קרושטשעוו


CHRISTIAN
SEPARATE
KOSHER TEAM
KENNEDY
KASTRO
KRUSCHEV

אַ צווייטער פּלאַקאַט:

קריסטן דערוואַכט!
קומט אַרויס פון צווישן זיי
און ז י י ט „באַזונדער".

אַט דאָס איז דער פּרצוף פון דעם אַמעריקאַנער פאַשיזם — אַנטיסעמי־טיש, אַנטי־רעגירונג, אַנטי־סאָוועטיש, אַנטי־קובאַ... אַנטי־מענטש! עס קלינגט קענטלעך, פאַר די, וואָס געדענקען היטלערן. עס איז שוין גאַנץ שפּעט! עס איז שוין די העכסטע צייט, אַז עפּעס זאָל געטאָן ווערן וועגן דעם!

דאָס וואָס מיר האָבן ביז אַהער איבערגעגעבן שטעלט אָבער פאָר מיט זיך בלויז אַ טייל פון דער גרויסער געפאַר, פאַר וועלכער עס געפינען זיך די אידן פון אַמעריקע, דאָס נעגערשע פאָלק, אַנדערע מינאָריטעטן און די דעמאָקראַטישע אַמעריקע אין אַלגעמיין. כדי צו דערגאַנצן דאָס בילד, ווילן מיר איבערגעבן אין קורצן נאָך אַ ריי פאַקטן. די געשיכטע וואָס מיר ווען ווייטער דערציילן, באַווייזט, אַז ניט נאָר זיינען אַקטיוו ביי אונז אין לאַנד מענטשן, וואָס פריידיקן ראַסן־האַס, נאָר עס איז שוין דאָ ביי אונז אין אַמע־ריקע אַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס זיינען שוין איבערגעגאַנגען פון ווער־טער צו מעשים.

דאָס זיינען מענטשן, וואָס האָבן זיך ממש געבאָדן אין׳ם בלוט פון מי־ליאָנען אידן און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן אין אייראָפּע בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה. דאָס זיינען די הענקער, וואָס האָבן אין לעבן דורכגעפירט היטלערס טרוים צו מאַכן אייראָפּע „יודען־ריין".

דאָס זיינען דייטשן, רומענער, אוקראַינער, אונגאַרן, ליטווינער, לאַטישן, רוסן, פּאָליאַקן, קראָאַטן, עסטאָנער, וואָס זיינען געקומען קיין אַמעריקע נאָך דער מלחמה.

ווי אַזוי זיינען זיי געקומען אַהער און פאַרוואָס אַהער?

זיי זיינען געקומען אַהער אויף פאַרשיידענע אופנים. אָפט פאַרשטעל־טערהייט, אונטער פאַלשע נעמען און מיט פאַלשע פּאַפּירן. אָפטמאָל מיט דער הילף פון הויכגעשטעלטע פּערזאָנען אין דער רעגירונג. אַן אַנדערש מאָל — מיט דער הילף פון „אולטראַס", היגע פאַשיסטן. און זייער אָפט — אַלס געשעפטסלייט, רעגירונגסס ראַט־געבער, דיפּלאָמאַטן און סתם איינגעוואַנ־דערטע.

ווי עס זעט אויס, זיינען פאַר אַזוינע לייט קיין שטערונגען ניטאָ אויף אַריינצוקומען אין לאַנד...

בכלל גענומען שאַפט זיך אַ בילד, אַז ביי אונז אין לאַנד זיינען דאָ זייער שטאַרקע כוחות, וואָס זיינען פאַראינטערעסירט אין באַשיצן און באַשירעמען די חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט און אַרויסווייזן זיי יעדע מעגלעכע הילף.

אַט זיינען אייניקע פאַקטן וועגן אייניקע פון די „אימיגראַנטן".

אידן־מערדער אין אַמעריקע

אין אָקטאָבער 1962 איז אין ווילנע פֿאָרגעקומען אַ משפּט איבער 10 פֿאַשיסטן, וואָס האָבן אין די מלחמה־יאָרן געהאָלפֿן די נאַציס אויסמאָרדן דאָס ליטווישע און ווייסרוסישע אידנטום. 9 פֿון די הענקער זיינען פֿאַר׳ן משפּט געוואָרן צום טויט. איינער פֿון די פֿאַר׳משפּט׳ע הייסט אַנטאָנאַס לודוויקאַס אימפּוליאַוויטשיוס. דער אורטייל איבער אים איז קיינמאָל ניט דורכגעפֿירט געוואָרן, וויל — ער וואוינט איצט אין פֿילאַדעלפֿיע. אימ־פּוליאַוויטשיוס איז געווען דער קאָמאַנדיר פֿון אַ שטראָף־באַטאַליאָן, וועמעס אויפֿגאַבע ס׳איז געווען צו שעכטן אידן, סאָוועטישע קריגס־געפֿאַנגענע, קאָ־מוניסטן און אַנדערע בירגער פֿון לאַנד, וואָס זיינען ניט געווען באַגייסטערט פֿון דעם נאַצי־פֿאַשיסטישן רעזשים.

א. ל. אימפּוליאַוויטשיוס און זיין באַנדע זיינען געווען פֿאַראַנטוואָרטלעך פֿאַר דער פֿאַרניכטונג פֿון טויזנטער אידן אין קאָוונע, דווינסק, שאַוול און פֿיל אַנדערע שטעט און שטעטלעך אין דער ליטע און פֿאַר דעם אומקום פֿון צענדליקער טויזנטער אידן און אַנדערע בירגער פֿון מינסק, סלוצק, קאַי־דענאָוו, נעסוויזש, סלאָנים, רודענסק, שאַצק, באָריסאָוו, סמילאָוויטש, קלעצק, דוקאָר און פֿיל אַנדערע שטעטלעך און דערפֿער אין מינסקער געגנט. מערסטע שטעטלעך זיינען געוועזן באַזעצט פֿון אידן אין משך פֿון הונדער־טער יאָרן. אין מערסטע פֿון זיי איז איצט קיין איין איד ניטאָ. די שטעטלעך זיינען פֿון אימפּוליאַוויטשיוסן און זיין מערדער־באַנדע אָפּגעווישט געוואָרן פֿון פּנים פֿון דער ערד.

3 אידן־מערדער אין פֿילאַדעלפֿיע

ווי אַזוי אימפּוליאַוויטשיוס און זיינע גאָרגל־שניידער האָבן געמאַטערט און געמאָרדעט אידישע מענער, פֿרויען און קינדער אין דעם 7טן און 9טן פֿאָרט אין קאָוונע, איז צו גרויליק דאָ צו שילדערן. אַ סך פֿון די פֿאַקטן זיינען אַרויס־געבראַכט געוואָרן ביים משפּט, וואָס איז דורכגעפֿירט געוואָרן אין ווילנע. די סאָוועטן רעגירונג און דאָס ליטווישע פֿאָלק האָבן זיך געווענדט קיין וואַ־שינגטאָן און געפֿאָדערט, אַז אונדזער רעגירונג זאָל אָט דעם הענקער אויסליפֿערן אין דער סאָוועטישער ליטע. וואַשינגטאָן האָט זיך ביז איצט אָפּגעזאָגט נאָכצוקומען די פֿאָדערונג פֿון דער סאָוועטישער רעגירונג.

אימפּוליאַוויטשיוס איז אָבער ניט דער איינציקער מערדער, וואָס לעבט איצט רואיק אין פֿילאַדעלפֿיע. מיר דערוויסן זיך פֿון אַן אַרטיקל, וואָס איז דעם 25טן יוני 1963 דערשינען אין דער מאָסקווער ציַיטונג „סאָוועטסקאַיאַ ראָסיאַ״, אַז אין פֿילאַדעלפֿיע לעבן נאָך אַנדערע באַנדיטן וועמענס הענט ס׳זיינען איינגעטונקען אין אידיש בלוט. איינער פֿון זיי איז וולאַדימיר מיכאַילאָוויטש אסידאטש. ער איז געווען דער קאָמענדאַנט פֿון דער היט־לער־פּאָליציי אין דער שטאָט ראַווא־רוסקאַ. זיינע הענט זיינען איינגעטונ־

קען אין דעם בלוט פון 41 טויזנט אידן פון דער געטאָ אין דער שטאָט.

וולאַדימיר אָסידאַטש לעבט שוין אַ צאָל יאָרן אין דער זעלבער געגנט פון פילאַדעלפיע. ער גיט זיך אָן אַלס אַדוואָקאַט (לאָיער). ער האַלט זיך פון דער ווייטנס. באַגריסט זיך קיינמאָל ניט מיט די שכנים. ווען מען זאָל ניט צוקומען צו דער הויז, זיינען די שוואַרצע שטאָרן אַרונטערגעצויגן ביז אַראָפּ. פון דער זייט קאָן מען ביינאַכט זען אַ קליין לעמפּל צאַנקן אין הינטערשטן טייל פונ׳ם הויז. דורך אַ זייטיקער טיר האַלטן זיך אין איין אַריינשלייכן אין קעלער פּאַרשוינען. פּאַר שכנים דערציילט אָסידאַטשעס פרוי, אַז די באַזוכער זיינען קרובים און אַז אייניקע פון זיי וואוינען אין דער געגנט. אין דער געגנט וואוינט טאַקע אַ גרעסערע צאָל ענלעכע „לאַנדסלייט״.

אַ צווייטער מערדער, וואָס לעבט איצט אין פילאַדעלפיע איז דמיטרי באַבקאָוו. ער האָט געקעניגט אין דעם שטעטל כיסלאָוויטש, סמאָלענסקער געגנט; ער איז דאָרט געווען דער פּאָליציי־שעף בשעת דער נאַצישער אָקופּאַציע. אין איין נאַכט האָט ער אויסגעקוילעט 800 אידישע מאַמעס, קינדערלעך און אַלטע לייט. די שרייבערין פון דעם אַרטיקל אין „סאָוועטסקאַיא ראָסיא״ פרעגט, צי ווייסן די פילאַדעלפיער אידן, אַז פון דעם גאַנצן שטעטל האָט זיך געראַטעוועט איין 12־יאָריק אידיש מיידעלע?

געשיכטע אַרטוקאָוויטש

אין לאָנג ביטש, קאַליפאָרניע, וואוינט, שוין זינט נאָך דער מלחמה, דער תליון פון די אידן אין יוגאָסלאַוויע — אַנדרעאַ אַרטוקאָוויטש. פון די 75 טויזנט אידן, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט אין יוגאָסלאַוויע, זיינען 60 טויזנט אומגעבראַכט געוואָרן מיט דער הילף פון אַרטוקאָוויטשן, וועלכער איז געווען דער אינערן־מיניסטער פון דעם פאַשיסטישן רעזשים אין קראָאַטיע.

פאַר דער מלחמה האָבן אין דער שטאָט סאַראַיעוואָ געוואוינט 11,100 אידן. נאָך דער מלחמה זיינען פאַרבליבן בלויז 800. פון 14 טויזנט אידן, וואָס האָבן פאַר דער מלחמה געוואוינט אין באָסניע און הערצאָגעווינע, זיינען געבליבן לעבן בלויז 2 טויזנט. מיר וועלן שאַנעווען די לייענער און ניט געבן קיין איינצלהייטן, ווי אַזוי אַרטוקאָוויטש און זיינע „אוסטאַשי״ האָבן דורכגעפירט זייער מערדערישע אַרבעט. מיר ווילן בלויז זאָגן, אַז אַרטוקאָוויטש איז ביי זיך אין דער היים „באַרימט״ געוואָרן ווי דער „הימלער פון קראָאַציע״ און אַז אין זיינע מערדערייען און סאַדיסטישע מעשים האָט ער איבערשטיגן אפילו די סאַמאָראָדנע נאַציס!

די יוגאָסלאַווישע רעגירונג וויל דעם מערדער ברענגען פאַר׳ן געריכט און משפט׳ן אים פאַר זיינע מעשים. זי האָט זיך, מער ווי איין מאָל, געווענדעט אין וואַשינגטאָן מיט אַ פאַרלאַנג, אַז מ׳זאָל אים אויסליפערן קיין יוגאָסלאַוויע. ביז איצט האָט זיך אונזער רעגירונג אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן.

דער בישאָף פון דעטראָיט און אַ ביזנעסמאַן אויף 5טער עוועניו

אין יאַנואַר 1941 איז אין דער הויפּט־שטאָט פון רומעניע, בוקאַרעסט, פאָרגעקומען אַ שרעקלעכער פּאָגראָם אין וועלכן הונדערטער אידן זיינען בוכשטעבלעך אויסגעשאָכטן געוואָרן. די שחיטה האָט אָנגעהאַלטן 3 טעג און 3 נעכט. צווישן די הויפּט־פאַראַנטוואָרטלעכע איז דאָ געווען איינער מיטן נאָמען וויאָרעל טריפא. אָט דער טריפא איז שוין אַ צאָל יאָרן אַ בישאָף אין דעטראָיט, מישיגען. אין יאָר 1955 האָט דער פּאָגראָמשטשיק געעפנט די זיצונגען פון דעם סענאַט אין וואַשינגטאָן מיט אַ תפילה...

די באַשולדיקונגען קעגן דעם „בישאָף" האָט געבראַכט ניט קיין אַנדערער, ווי דער רב הכולל פון רומעניע, דר. מאָזעס ראָזען. ער האָט די פאַקטן וועגן די בלוטיקע מעשים פון דעם דעטראָיטער בישאָף געבראַכט פאַר די פירער פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס און אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס, ווען ער איז אין 1962 געווען אויף אַ באַזוך אין אַמעריקע. ער האָט אויך אַרויסגעבראַכט די פאַקטן אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ דעם זעלביקן יאָר אין תל־אביב, ווען ער האָט באַזוכט ישראל.

אויף דער פינפטער עוועניו אין ניו יאָרק געפינט זיך אַ גרויסער געשעפטסמאַן מיטן נאָמען ניקאָלאַס מאַלאַקסאַ. אין רומעניע איז ער געווען אַ פירער פון דער „אייזערנער גוואַרדיע". דאָס איז די אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט דורכגעפירט די שחיטה אויף אידן אין בוקאַרעסט אין יאָר 1941. פאַר דער מלחמה האָט זיך די „גוואַרדיע" פאַרנומען מיט קאַלטע און הייסע פּאָגראָמען אויף אידן אין רומעניע. דער איצטיקער „אַמעריקאַנער" ביזנעסמאַן מאַלאַקסאַ האָט חלילה ניט באַשמוצט זיינע איידעלע הענט מיט אידיש בלוט. ער איז אין דער אַלטער רומעניע געווען אַ גרויסער אינדוסטריאַליסט און האָט געהאָלפן די פאַשיסטן מיט ריזיקע סומעס געלט.

וועגן זיינע מעשים האָט רעגיסטרירט קאָנגרעסמאַן אַלווען אָ'קאָנסקי פון וויסקאָנסין אינ'ם קאָנגרעשאָנאַל רעקאָרד אין מאַי 1962. דער קאָנגרעסמאַן האָט איבערגעגעבן פיל פאַקטן וועגן די רציחות פון דער „אייזערנער גוואַרדיע", וועלכע מאַלאַקסאַ האָט סובסידירט.

קאָנגרעסמאַן דזשאָן פ. שעלעי פון קאַליפאָרניע האָט אויף אַן אַנדער זיצונג פון קאָנגרעס אויך דערציילט וועגן דעם געוועזענעם רומענישן אַמור־ניציע־מאַגנאַט מאַלאַקסאַ און גערעדט וועגן אים, ווי וועגן „איינעם פון די גרוילהאַפטע פערזאָנען". קאָנגרעסמאַן שעלעי האָט אַרויסגעבראַכט, ווי אַזוי דער געוועזענער אַטוירני דזשענעראַל, וויליאַם פ. ראָדזשערס און דער געוועזענער וויצע־פּרעזידענט ריטשאַרד ניקסאָן, האָבן געהאָלפן דעם פאַשיסטישן מאַגנאַט קומען און איינאָרדענען זיך אין אַמעריקע.

אידן־מערדער פון באַראַנאָוויטש און קלעצק — אין ניו יאָרק און ניו דזשוירזי

מיר האָבן דערציילט וועגן דעם מאַסן־מערדער אנטאַנאַס אימפּוליאַווי־טשיוס, וועלכער איז פון אַ ווילנער געריכט פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט און וואוינט נאָך אַלץ פראַנק און פריי אין פילאַדעלפיע. ער איז אָבער ניט דער איינציקער צום טויט־פאַראורטיילטער, וואָס לעבן זיך רואיק ביי אונז אין לאַנד.

אין דעם חודש מערץ 1962 איז דורכגעפירט געוואָרן אַ משפט אין באַ־ראנאָוויטש, אין דער סאָוועטישער ווייסרוסלאַנד. עס זיינען גע׳משפט גע־

צען נאַצישע אידן־מערדער זיינען אין 1962 גע׳משפט געוואָרן אין ווילנע. ניין זיינען פאַר׳משפט געוואָרן צום טויט. דער צענטער, אימפּוליאַוויטשיוס, האָט זיך אַרויסגעדרייט פון שטראָף — ער וואוינט אין פילאַדעלפיע.

וואָרן 4 ווייסרוסישע פאַשיסטן, וואָס האָבן מיטגעאַרבעט, בשעת דער אָקו־פּאַציע, מיט די נאַציס. ביי דעם פּראָצעס זיינען אַרויסגעבראַכט געוואָרן פיל איינצלהייטן, ווי די גע׳משפט׳ע האָבן אומגעבראַכט 160 טויזנט מענער, פרויען און קינדער, די מערסטע פון זיי אידן פון באַראַנאָוויטש און אומגעגנט. די הענקער האָבן אָפּערירט, איבערהויפּט, אין קאָלדיטשעווער לאַגער, וואָס האָט זיך געפונען אַ צענדליק מייל פון באַראַנאָוויטש. אַ דירעקטער אָנטייל־נעמער אין די סאַדיסטישע מאַסן־מאָרדן און פּייניקונגען איבער צענדליקער טויזנטער אידן און מענטשן פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן איז געווען פּראַנ־צישעק קושעל. ער, צוזאַמען מיט אַנדערע 3, זיינען פונ׳ם סאָוועטישן גע־

ריכט פאַראורטיילט געוואָרן צום טויט. דער אורטייל איבער די אַנדערע 3 איז שוין לאַנג דורכגעפירט געוואָרן. קושעל לעבט נאָך אָבער, ווייל ער וואוינט איצט אויף אַלאַבאַמאַ עוועניו אין דער איסט ניו יאָרקער געגנט פון ניו יאָרק.

אַן ענלעכער משפט איז אין יאַנואַר 1962 דורכגעפירט געוואָרן אין דער שטאָט טאַטרו, סאָוועטישע עסטאָניע. דריי מאָסן־מערדער זיינען גע׳משפט געוואָרן. אין דער זעלביקער שטאָט טאַטרו האָבן די חיות אין מענטשלעכן געשטאַלט אומגעבראַכט 12 טויזנט מענטשן. צווישן זיי, 2 טויזנט אידן. דאָס סאָוועטישע געריכט האָט אַלע 3 פאַר׳משפט צום טויט. איבער 2 איז דער אורטייל שוין דורכגעפירט געוואָרן. דער דריטער — קאַרל לינגאַס לעבט און איז אַ פרייער פויגל, דאָ ביי אונז אין אַמעריקע, אין גרינלאַון, לאָנג איי־לאַנד, ניו יאָרק.

די אַמעריקאַנער רעגירונג האָט אָפּגעזאָגט דעם פאַרלאַנג פון דער סאָ־וועטישער רעגירונג אויסצוליפערן דעם הענקער פון עסטאָניע.

נאָך אַ מערדער, וואָס האָט אָנטיילגענומען אין די מאָסן־מאָרדן פון דעם קאָלדיטשעווער קאָנצענטראַציע־לאַגער לעבן באַראַנאָוויטש, איז סערגיי גוטירטשיק. ער געפינט זיך איצט אין ניו בראַנזוויק, ניו דזשוירזי. אַ צווייטער ווייסרוסישער באַנדיט, וואָס האָט זיך געבאָדן אין אידיש בלוט איז עמאַנועל יאַסוק. ביים משפט אין באַראַנאָוויטש האָבן עדות דערציילט וועגן די מעשים פון דעם גאַרגל־שניידער. ס׳איז איבערגעגעבן געוואָרן, ווי די אידן פון שטעטל קלעצק, ניט ווייט פון באַראַנאָוויטש זיינען, באַלד נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע, פאַרשלעפּט געוואָרן אויסערן שטאָט און ביי אַ גרויסער אויסגעגראָבענער קאַנאַווע האָט מען זיי אַלע אויסגעשאָסן. יאַסוק האָט אָנגעפירט מיט די צעשיסונגען. ער וואוינט איצט אין אַמעריקע.

נאָך און נאָך!

דאָ אין לאַנד לעבט איצט אַ כאָפּטע ליטווישע פאַשיסטן, וואָס האָט אויס־געמאָרדעט טויזנטער אידישע מענער, פרויען און קינד אין קאָוונע און פיל ליטווישע שטעטלעך פון דער ליטע. אָט איז אַ צעטל פון די פאַשיסטן:

יאָנאַס סלעפּעטיס, געוועזענער מיניסטער פאַר אינערלעכע ענינים אונ־טער דער ליטווישער פאַשיסטישער „רעגירונג", וואָס די נאַציס האָבן באַ־שטימט, ווען זיי האָבן אָקופּירט ליטע. ער האָט אונטערגעשריבן אַלע אַנטי־אידישע פאַראָרדענונגען, לויט וועלכע מען האָט געטאָן מיט די אידן, וואָס מען האָט געוואָלט. ער וואוינט איצט אין לאָנג איילאַנד, ניו יאָרק.

מעציס פּאַשקיאַוויטשיוס וואוינט איצט אין שיקאַגאָ. ער איז אַריינ־געקומען אין אַמעריקע אונטער׳ן נאָמען מיקאַס פּאַוויליאָניס. אַ גרופּע ביר־גער פונ׳ם ליטווישן שטעטל אוקמערגע (ווילקאָמיר) האָט זיך געווענדט צו די איינוואוינער פון שיקאַגאָ, אַז ער זאָל אויסגעליפערט ווערן קיין ליטע. ער ווערט באַשולדיקט אין מאָסן־מאָרדן אין דעם שטעטל. עס זיינען דאָ דאָ־

קומענטן וועגן דעם, אַז ער האָט פּערזענלעך דורכגעפירט דירעקטיוון פון די נאַציס און אומגעבראַכט די אידישע באַפעלקערונג פון דעם שטעטל. אין דאָקומענט ווייזט אַן אונטערשריפט פון פּאַשקעוויטשיוסן, ווי דער „קאָמאַנדיר פון דער זיכערקייט דינסט" אין אוקמערגע.

יורגיס באַבעליס וואוינט איצט אין דאָרטשעסטער, מאַסאַטשוזעטס. ער ווערט באַשולדיקט פון דער סאָוועטן־רעגירונג, אַז ער איז געווען אַ קויר־נעל אין דער ליטווישער פאַשיסטישער אַרמיי און אַז ער האָט אָרגאַניזירט די נאַציאָנאַליסטישע באַנדעס, וואָס האָבן געהאָלפן די נאַציס אויסמאָרדן אַלע געגנער פון די נאַציס.

קאַזימעראַס פּאַליציאַוסקאַס — איז געווען דער מעיאָר פון קאָוונע אונטער די פאַשיסטן, האָט אונטערגעשריבן די אַנטי־אידישע באַפעלן. ער לעבט איצט אין די פאַראייניקטע שטאַטן.

יוזאַס אַמבראַזעוויציוס איז נאָך דער נאַצישער אָקופּאַציע פון ליטע באַשטימט געוואָרן, ווי דער הויפּט־מיניסטער פון דער ליטווישער פאַשיס־טישער רעגירונג. אונטער זיין פירערשאַפט זיינען באַשטימט געוואָרן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן פאַר די אידן פון ליטע. ער וואוינט איצט אין ניו יאָרק. ער איז איינער פון די וויכטיקסטע פירער פון די עמיגראַנטישע ליט־ווינער אין ניו יאָרק.

בישאָף וויטצענטאַס בריזגיס וואוינט איצט אין שיקאַגאָ. דעם 4טן יולי 1941 נאָכדעם, ווי די נאַציס האָבן אָקופּירט ליטע, האָט די אָנפירונג פון דער קאַטוילישער קירכע אין ליטע אַרויסגעלאָזט אַ פּראָקלאַמאַציע צו דער באַפעלקערונג און גערופן די ליטווישע קאַטאָליקן:

„קערט זיך אום צו אייער אַרבעט מיט דאַנקבאַרקייט און מיט האָפענונג אויף קולטורעלער הילף פון דער באַפרייענדיקער דייטשער אַרמיי און דעם גרויסן דייטשן פאָלק".

צווישן אַנדערע וויכטיקע פירער פון דער קאַטוילישער קירכע, וואָס האָבן אונטערגעשריבן דעם רוף, איז אויך געווען „אונזער" שיקאַגער בישאָף בריזגיס. ער האָט פאַראָרדנט אַלע קאַטאָליקן ניט צו העלפן די אידן.

אין לעיקוואוד, ניו דזשורזי, לעבן רואיק 2 עסטאָנישע אידן־מערדער: יורי ריוואַלד און יוליוס ראַממיאַלג. זיי ווערן ביידע באַשולדיקט פון די עסטאָנישע מאַכט־אָרגאַנען אין אומברענגען, בשעת דער מלחמה, פיל אידן, קריגס־געפאַנגענע און ציגיינער. צווישן זיי פיל קליינע קינדער.

אַלעקסאַנדער ריעס וואוינט איצט אין קליוולאַנד, אָהייאָ. בשעת דער מלחמה האָט ער אַפּערירט אין דער געגנט פון פאָדאָריע, וואָס געפינט זיך אין דעם נאָוואָגאָראָדער קרייז פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. דאָרטיקע בירגער באַשולדיקן אים אין אומברענגען אומ׳ברחמנות׳דיק צענדליקער פרידלעכע בירגער, איינגעשלאָסן קינדער.

עס זיינען נאָך דאָ אין אונזער באַזיץ פיל צענדליקער נעמען פון אוק־ראַינער, לאַטישן, רוסן און אַנדערע, וואָס וואוינען אין פאַרשיידענע שטעט

פון אונזער לאַנד און ווערן באַשולדיקט פון די רעגירונגען פון זייערע לענ־דער אין מאַסן־מאָרד. פיל אַנדערע הענקער לעבן זיך רואיק אין פאַרשיידענע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע, קאַנאַדע, ענגלאַנד, שוועדן, שווייצאַריע, אויסט־ראַליע, עסטרייך, ניי־זעלאַנד און אַנדערע לענדער.

מיר ריידן שוין ניט וועגן אַזוינע העכט, ווי אַדאָלף הויזינגער, וועלכער איז פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דעם אומקום פון מאַסן אידן אין פוילן און ווייס־רוסלאַנד און פאַרנעמט איצט אַ וויכטיקן מיליטערישן פּאָסטן פון די נאַטאָ אַרמייען און געפינט זיך אין וואַשינגטאָן.

מערב־דייטשלאַנד איז אַ קאַפּיטל פאַר זיך. עס איז גענוג צו דערמאָנען האַנס גלאָבקע, וועלכער איז פאַר׳משפט געוואָרן פון אַ מזרח־דייטשן גע־ריכט, ווי אַ מלחמה־פאַרברעכער. גלאָבקע איז נאָך אַלץ אַ פרייער פויגל אין מערב־דייטשלאַנד און שפּילט דאָרט זייער אַ וויכטיקע ראָלע.

זיי זיצן דאָ אויך ניט מיט פאַרלייגטע הענט

מיר האָבן גאָר אין אַנהויב פון דער בראָשור דערקלערט, אַז די מלחמה־פאַרברעכער און אידן־מערדער זיצן דאָ אויך ניט מיט פאַרלייגטע הענט. מיר

וועטער אין ניו יאָרק
קיל

Vol. XLII. No. 14,805 8 Pages New York 26 Wednesday, December 11, 1963 מיטוואָך, דעצעמבער 11, 1963 Price 10 Cent

מאָסקווע מעלדעט וועגן נאָך 2 נאַציִשע אידן־מערדער, וועלכע וואוינען אין פילאַדעלפיע

יו־ען פייערט 15טן יובילײ פון דעקלאַראַציע פאַר מענטשן־רעכט

די „ניו־יאָרק טײַמס" האָט געגעבן
אין אַ דעפּעשע פון מאָסקווע איבער־
געגעבן אַ באַריכט פון דער סאָוועטי־
שער פּרעסע, אַז צוויי אוקראַיִנער,
וואָס ווערן באַשולדיקט אַלס נאַציִשע
קריגס־פאַרברעכער און אידן־מערדער,
וואוינען איצט אין פילאַדעלפיע.

די סאָוועטישע טרעד־יוניאָן צײַ־
טונג „טרוד" — באַריכטעט די

ווילן דאָ ברענגען אַ פּאָר ביישפּילן צו ווייזן, אַז די פאַרברעכער זיינען ניט געקומען אַהער פאַרענדיקן זייערע לעבנס אין פרידן.

דעם 28טן יולי 1962 איז אין פּאַרמאַ, אָהייאָ, פאָרגעקומען אַ מאַסן־מיטינג צו וועלכן עס זיינען געקומען נאָענט צו צען טויזנט אוקראַאינער פון די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע. דער מיטינג איז געווען געווידמעט דעם 20טן יובילײ פון דער אוקראַאינער אַרמיי, וואָס האָט געהאָלפן היטלערן קעמפן קעגן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. איינער פון די רעדנער אויף דעם מי־טינג איז געווען, דער עקזעקוטיוו דירעקטאָר פון דעם „אוקראַאינער קאָנגרעס־

קאָמיטעט אין אַמעריקע", סטעפּען דזש. דזשאַרעמאַ. צווישן אַנדערעס האָט דער דזשארעמאַ געהאַט אָט וואָס צו זאָגן:

„מיט די צערעמאָניעס ווידמען מיר זיך דער אידייע פון האַלטן לעבע־דיק דעם פונק פון פרייהייט און מיר לייגן פאַר אַ געאייניקטע העלפנדיקע האַנט צו די וואָס וועלן עס אָננעמען".

מען קאָן זיך לייכט פאָרשטעלן, וואָס פאַראַ האַנט זיי ווילן אויסשטרעקן, וואָס פאַראַ פרייהייט זיי האָבן אינזינען. דאָס איז די זעלבע האַנט, וואָס האָט געשאָכטן אידן אין אוקראַינע. דאָס איז די „פרייהייט" פון פאַשיזם.

צווישן די רעדנער איז אויך געווען לעאָ פוטאלא פון פיטסבורג, גע־וועזענער קאָמאַנדיר אין דער פאַשיסטישער אוקראַינישער אַרמיי.

דעם 19טן מאַי 1963 איז אין שיקאַגאָ פאָרגעקומען אַ פּראָטעסט־מיטינג קעגן קריגס־פאַרברעכער און אידן־מערדער, וואָס געפינען זיך ביי אונז אין לאַנד. דער מיטינג איז איינגעאָרדנט געוואָרן פון דעם נאַציאָנאַלן קאָמיטעט קעגן נאַצי־פאַרברעכער און נאַציזם. לויט אַ באַריכט, וואָס איז דערשינען אין דער „שיקאַגאָ־סאַן טאַימס" דעם 20טן מאַי, זיינען אינדרויסן געווען אַרום 500 פּיקעטס צו פּראָטעסטירן קעגן דעם מיטינג. די קעגן־דעמאָנסטראַנטן זיינען באַשטאַנען מערסטנס פון לאַטישן, מיטגלידער פון דער „אַמעריקען נאַצי פּאַרטיי" און „בוירטשערס". איינע פון די דעמאָנסטראַנטקעס — אַ מרס. דאַגמאַרא וואָלענס האָט אַרויסגעלאָזט אין זאַל 10 מייז כדי צו שטערן דעם מיטינג. דער מיטינג איז דאָך דורכגעפירט געוואָרן און די פרוי איז אַרעסטירט געוואָרן. ביים משפּט איבער דער מרס. וואָלענס האָט די פּאַ־שיסטקע דערקלערט אין געריכט, אַז זי איז אַ פאָרשטייערין פון אַ לעטישער צייטונג אין קאַנאַדע און אַז זי איז שוין דאָ אין לאַנד 12 יאָר. פון די פראַגעס אין געריכט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זי איז ניט קיין בירגערין. דער ריכ־טער האָט זי געפרעגט, פאַרוואָס זי איז נאָך ניט געוואָרן קיין בירגערין. איר ענטפער איז געווען, אַז לאַטוויע איז אָקופּירט פון קאָמוניסטן און אַזוי לאַנג, ווי איר פאָטערלאַנד איז ניט באַפרייט, וועט זי קיין בירגערין ניט ווערן. זי האָט גע׳טענה׳ט פאַר דעם ריכטער, אַז דער מיטינג איז געווען פאַררופן פון קאָמוניסטן און אַז מען האָט דאָרטן „באַליידיקט אַזוינע גוטע אַמעריקאַנער ווי בערי גאָלדוואָטער".

אַ פאָרשטייער פון די פּיקעטס לעאָנאָס פּראַפּואָלענים האָט דערקלערט פאַר רעפּאָרטערס, אַז דער פּראָטעסט (פון די פּיקעטס) איז קעגן די באַשול־דיקונגען, אַז „אייניקע פון אונזערע ווערטפולסטע העלדן זיינען געווען מער־דער פון ציוניסטן".

אָנהויב סעפּטעמבער 1963 האָט דער באָן־רעזשים געשיקט אין וואַ־שינגטאָן אַלס דיפּלאָמאַט הערבערט פאָן סטעקלבערג — אַ געוועזענער שטורעם־טרופּער. זיין מיטגליד־קאַרטל אין דער נאַצי־פּאַרטיי האָט געהאַט דעם נומער 2,087,769. אין יאָר 1942 איז ער געווען דער הויפּט פון דעם נאַצישן אָקופּאַציע־רעזשים אין נאָרוועגיע. די פאַקטן זיינען פאַרעפנטלעכט

געוואָרן אין דעם „דעמאָקראַטיק דזשוירמען רעפּאָרט" אין מזרח־דייטשלאַנד, דעם 20טן סעפּטעמבער.

אין מערץ 1963 האָט דער אידישער וועלט־קאָנגרעס פאַרעפנטלעכט אין ניו יאָרק אַ ווענדונג צו אַלע פעלקער, וואָס גיבן אַזיל־רעכט צו נאַצי־פאַר־ברעכער, — אַז זיי (די פאַרברעכער) זאָלן איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון גערעכטיקייט, כדי זיי זאָלן גע׳משפט ווערן פון באַרופענע באַאַמטע. אין דעם זעלבן נייעס־באַריכט ווערט אויך איבערגעגעבן, אַז דער פּרעזידענט פון דעם אידישן וועלט־קאָנגרעס, דר. נחום גאָלדמאַן, האָט אויף אַ זיצונג פון דעם אַדמיניסטראַטיוון קאָמיטעט פון׳ם קאָנגרעס איבערגעגעבן, אַז דער „קאָנגרעס" קאָאָפּערירט מיט די רעגירונגען פון מערב־דייטשלאַנד און עסט־רייך דורך העלפן געפינען טויזנט עדות פאַר די אויספאָרשונגען פון נאַצי־פאַרברעכער. ווייטער ווערט אין דעם נייעם באַריכט געזאָגט:

„די פירער פון דעם וועלט־קאָנגרעס האָבן שטודירט די פּראָבלעם פון שטעלן די מלחמה־פאַרברעכער צום משפּט און האָבן זיך געווענדט צו אַלע פעלקער צו קאָאָפּערירן מיט מערב־דייטשלאַנד, עסטרייך און אַנדערע רעגירונגען אויסצוליפערן נאַצי־פאַרברעכער.

„די געזוכטע פאַרברעכער זיינען ניט נאָר דייטשן און עסטרייכישע נאַציס, נאָר אויך לעטישע, עסטאָנישע, ליטווישע, קראָאַטן און אוקראַי־נער, פון וועלכע פיל האָבן געקראָגן אַזיל־רעכט אין דרום און צענ־טראַל־אַמעריקאַנער לענדער, ווי אויך אין שפּאַניע, איטאַליע און אַנ־דערע לענדער".

דער באַריכט באַשטעטיקט פיל פון דעם, וואָס מיר האָבן פריער דער־ציילט. איבערלייענענדיק דעם נייעס־באַריכט, שטעלן זיך אָבער אייניקע פראַגעס. ערשטנס, אַז מען וועט שוין איבערגעבן די מערדער אין דייטשע און עסטרייכישע הענט, וואָס וועט דעמאָלט זיין? וועט מען זיי געבן אַ שנעל אין נאָז, אומגעפער, ווי ס׳האָט פּאַסירט ביים משפּט אין קאָבלענץ? אין ווינטער 1963 זיינען דאָרטן גע׳משפּט געוואָרן 8 מאַנסטער־האַפּטע ברואים, וועלכע האָבן געקראָגן זייער לייכטע שטראָפן. אָדער מען וועט זיי איב־גאַנצן באַפרייען, ווי דאָס עסטרייכישע געריכט האָט געטאָן מיט דעם קוילער פון די ווילנער אידן, פראַנץ מורער? אָדער די באָן־רעגירונג וועט זיי אַרויסשיקן אַלס דיפּלאָמאַטישע פאָרשטייער קיין וואַשינגטאָן, לאָנדאָן און אַנדערע הויפּט־שטעט פון דער וועלט?

אַ צווייטע פראַגע שטעלט זיך: ווי קומט עס וואָס דער וועלט־קאָנגרעס, דערמאָנט אַ צאָל לענדער און דערמאָנט אינגאַנצן ניט די פאַראייניקטע שטאַטן, קאַנאַדע, ענגלאַנד און אייניקע אַנדערע לענדער וואו עס געפינען זיך מאַסן פון די פאַרברעכער און זייערע אָרגאַניזאַציעס?

און צום סוף, ווי קומט עס וואָס דער קאָנגרעס פאָדערט ניט אויף, אַז

די פאַרברעכער זאָלן אויסגעליפערט ווערן אין די לענדער, וואו די פאַרברעכנס זיינען באַגאַנגען געוואָרן, ווי — סאָוועטן־פאַרבאַנד, פוילן, רומעניע, אונגאַרן, יוגאָסלאַוויע, טשעכאָסלאָוואַקיע? אָדער — גאָר קיין ישראל, קעגן וועמעס בירגער די מערסטע פון די פאַרברעכנס זיינען באַגאַנגען געוואָרן און וואו עס געפינען זיך פיל עדות קעגן די פאַרברעכער?

עס קוקט אויס זייער מאָדנע, וואָס דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, וואָס טוט אַזוי פיל אויפן געביט פון אויפדעקן אַנטיסעמיטיזם און נאַצי־פאַרברעכער, דערציילט זייער ווייניק וועגן דעם, וואָס עס טוט זיך אויף דעם געביט אין אַמעריקע, ענגלאַנד און קאַנאַדע. עס קוקט אויך אויס, אַז דער קאָנגרעס קאָאָפערירט צופיל מיטן באָן־רעזשים און „פאַרגעסט", אַז דער גאַנצער רעזשים איז דורכגעוועבט פון נאַצים.

מיר קאָנען נאָר פאַרענדיקן מיט דעם, וואָס פיל אַנדערע האָבן שוין געזאָגט פאַר אונדז: „עס קאָן אויך געשען דאָ!"

עס איז שוין פיל שפעטער, ווי פיל שטעלן זיך פאָר!

„שווייגן איז גאָלד" — זאָגט אַ ווערטל, אָבער אין דעם פאַל, איז שווייגן — סם המות, זעלבסטמאָרד!

אַ גרויס געשריי דאַרף אויפגעהויבן ווערן פון די טיפענישן פון דעם פאָלק, אַ געשריי, וואָס זאָל אָפּשטעלן די בלוטיקע הענט פון די מערדער!

די פאַקטן

די פאַקטן, וואָס זיינען אָנגעגעבן געוואָרן אין דער בראָשור, זיינען גענומען געוואָרן פון פאַרשיידענע קוואַלן, ווי צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער אין פאַרשיידענע שפּראַכן. די מערסטע פאַקטן און נאָך פיל מער זיינען דערשינען אויך אין דער „מאָרגן פרייהייט".

ליידער דאַרף געזאָגט ווערן, אַז קיין אַנדער אידישע צייטונג, אין אידיש צי אין ענגליש, גיט ניט אָפּ אַזויפיל פּלאַץ פאַר אויפדעקונגען וועגן די אידן־מערדער און אַנטיסעמיטישע טעטיגקייטן, ווי די „מאָרגן פרייהייט" טוט דאָס טאָג איין טאָג אויס. די „מאָרגן פרייהייט" האַלט, אַז ס'איז דער הייליגער חוב פון אַ אידישן צייטונג צו פירן אַ שטענדיגן קאַמף געגן ראַסן־האַס און אַנטיסעמיטיזם.

די „מאָרגן פרייהייט" דערשיינט זעקס טעג אַ וואָך און האָט אַ ספּעציעלע סוף־וואָך אויסגאַבע. דער סוף־וואָך נומער, אין 16 זייטן, פאַרמאָגט אויך אַן אָפּטיילונג פון צוויי זייטן אין דער ענגלישן שפּראַך.

די „מאָרגן פרייהייט" האָט אירע אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין פאַרשיידענע לענדער פון מזרח און מערב, ווי מדינת ישראל, סאָוועטן־פאַרבאַנד, פּוילן, רומעניע, פראַנקרייך, ענגלאַנד, מזרח־דייטשלאַנד, קאַנאַדע, קובאַ און אַרגענטינע. די צייטונג פאַרמאָגט אויך אייגענע קאָרעספּאָנדענטן אין אַ צאָל גרעסערע און קלענערע אידישע ישובים ביי אונז אין לאַנד, ווי לאָס־אַנדזשעלעס, שיקאַגאָ, מיאַמי, דעטראָיט, קליוולאַנד, פילאַדעלפיע און באָסטאָן.

דער לייענער פון דער בראָשור קאָן איצט אויסשרייבן די „מאָרגן פרייהייט" פאַר אַ ספּעציעל רעדוצירטן פּרייז: די סוף־וואָך אויסגאַבע, וואָס פאַרמאָגט זעכצן זייטן, פאַר בלויז דריי (3) דאָלאַר, אַ גאַנץ יאָר, אַנשטאָט דעם געוויינלעכן פּרייז פון זעקס דאָלאַר, אָדער די טעגלעכע אויסגאַבע פון דער צייטונג (צוזאַמען מיט דער סוף־וואָך אויסגאַבע) אויף דריי מאָנאַטן פאַר בלויז דריי (3) דאָלאַר, אַנשטאָט דעם געוויינלעכן פּרייז פון 6 דאָלאַר.

„מאָרגן פרייהייט" פאַרוואַלטונג

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר די סוף־וואָך אויסגאַבע פון דער „מאָרגן פרייהייט" אויף אַ יאָר.

זייט אַזוי גוט און שיקט מיר די „מאָרגן פרייהייט" יעדן טאָג אויף 3 מאָנאַטן.

ביגעלייגט ווערט איר געפינען $3.00.

Name . . . .

Address . . . .

City . . . . Zone . . . . State . . . .

209